פרייז 10 גר. | 1-טער יאהרגאנג | 8 זייטען | ראדאמער | RADOMER EXPRESS | № 6

עקספרעס

ראדאם מאנטאג פ׳ תצא ו׳ אלול תרצ״ג | 28 sierpnia 1933 r. | Adres redakcji i administracji Radom, Żeromskiego 7

שארפע אטאקעס פון די רעוויזיאניסטען געגען

ציוניסטישען אבמאך מיט דייטשלאנד

די ארבייטער-דעלעגאטען פערלאזען די זיצונג בעת א רעוויזיאניסט רעדט

דר. שמאראק פערטיידיגט דעם מיטעלקלאס

פראג 26 (יט"א) דר. שמאראק כאראקטעריזירט די אלגעמיינע לאגע פון דער בעוועגונג און פאלעמיזירט שארף מיט׳ן ארבייטער-פליגעל און ערקלערט, אז מיט אזעלכע וואהלען קען מען ווייט נישט קומען. די געגנערשאפט צום מיטעלשטאנד איז נישט קיין בערעכטיגטע. דער רעדנער ציטירט אטא בויער׳ן און זאגט, אז די סאציאליסטישע טעאָרעטיקער אנערקענען די נויטווענדיגקייט פון א מיטעל-קלאס. פארוואס, ווענדעט זיך דער רעדנער צו די לינקע, טיילט איהר איין דאס פאלק אין קלאסען? פאר סאציאלער גערעכטיגקייט און נארמאלע ארבייטס-בעדינגונגען זענען מיר שטענדיג געווען, אבער נישט פאר שאפען א העגעמאָניע. מיר פאדערען גלייכע בעהאנדלונג פאר אלע יודען, א רעושים פון הארמאניע און נישט פון האס. מיט קיין קלאסען-קאמף קען מען נישט שאפען קיין מלוכה.

איבערגעהענדיג צו דער עקזעקוטיווע-פראגע זאגט דער רעדנער, אז מיט דער הילף פון א קאאליציע קען מען שאפען רעספארטען, אבער נישט קיין שטורים-קראפט, וואס זאל געבען שוואונג דעם פאלק. אזוי ווי צווישען-רוף פון די לינקע, פארוואס איז פאר׳ן קרן-היסוד אזוי ווייניג איינגעטהאן געווארען אין גאליציען, ענטפערט דער רעדנער, אז מען מוז שאפען פסיכאלאגישע בעדינגונגען, כדי אן אקציע זאל האבען ערפאלג.

די רעדע פון דר. שמאראק איז מעהרערע מאל איבערגעריסען געווארען דורך צווישענרופען.

נאך דר. שמאראק בעקומט דאסווארט זלמן רובאשאוו (ליגע פאר׳ן ארבייטענדען א"י), וועלכער האלט זעהר א שארפע רעדע געגען די רעוויזיאניסטען. בעת זיין רעדע פערלאזט זשאבאטינסקי דעם זאל.

רובאשאוו אטאקירט די רעוויזיאניסטען

ה׳ רובאשאוו הויבט אן דערפון, וואס בעת א"י בליהט און די איינוואנדערונג איז גרויס, ווערט גלייכצייטיג די ציוניסטישע ארגאניזאציע אבגעשוואכט און די הכנסות פון די פאנדען פאלען. וואו איז — פרעגט דער רעדנער, די רעגולירענדע נאציאנאלע קראפט פון דער ארגאניזאציע? עס קומט אין לאנד א גרויסע יוגענד און עס איז נישטא קיין מיטלען צו פיהרען צווישען איהר א קולטור-ארבייט, פארוואס איז עס אזוי? די שולד דערפאר טראגען די, וואס פערשוועכען דאס חלוציות, די וואס זענען מוחל דעם נאציאנאלען ווערט פון פיאנירטום. עס האט זיך אויף אונז אויסגעגאסען די תוכחה די, וואס האבען ביי אונז אויפגעהויבען דעם שדים-טאנץ האבען פערשטאפט די קוואלען פון שוואונג.

נאך ה׳ רובאשאוו האט גענומען דאס ווארט דר. שעכטמאן.

ווען דר. שעכטמאן בעוויזט זיך אויף דער טריבונע, פערלאזט די גאנצע ארבייטס-פראקציע דעם זיצונגס-זאל.

דר. שעכטמאן ערקלערט צ. א. אנד:

דער איצטיגער קאנגרעס דארף מיהר ווי אלע פריהערדיגע פראקלאמירען די לעזונג פון יודענשטאט, ווייל די יודען-נויט איז היינט גרעסער ווי ווען עס איז. דער יודען-שטאאט דארף היינט זיין נישט בלויז דער ענד-ציל. דאס איז די קאנקרעטע הילף אלס ענטפער אויף דער נויט. אויב דער קאנגרעס זאל נישט הערען דעם דאזיגען רוף, דראהט איהם א גרויסע געפאהר. דער הייגטיגער קאנגרעס האט זיך ארויסגעשטעלט אלס פרעמד און ווייט פון דער יודישער נויט. דער בעסטער בעוויז דערפאר איז די וואסערדיגע רעזאלוציע, וואס דער קאנגרעס האט אנגענומען אין דער פראגע פון דייטשלאנד און אבגעווארפען די באיקאט-רעזאלוציע, קאפיטולירענדיג אזוי-ארום פון די קאמף-מיטלען געגען דריטען רייך. דאס יודישע פאלק וועט קיינמאל נישט מוחל זיין דעם קאנגרעס די דאזיגע זינד. אין מיטן פון טעג און נעכט, ערקלערט דער רעדנער, איז געפיהרט געווארען אין קאנגרעס א סוה-האנדעל ארום דייטשלאנד.

פרעזידענט מאצקין רייסט איבער דעם רעדנער און ערקלערט, אז דער אויסדרוק סוה-האנדעל איז נישט קיין פארלאמענטארישער און צווייטענס, איז די בעשולדיגונג נישט קיין ריכטיגע. מאצקין מאכט אויפמערקזאם דעם רעדנער, ער זאל זיך צוריק נעמען און נישט פערוואנדלען זיין רעדע אין א דעבאטע וועגען דייטשלאנד. ווייל דאס איז געגען דעם אויסדריקליכען בעשלוס פון קאנגרעס.

דר. שעכטמאן איז מסכים, אז דער אויסדרוק „סוה-האנדעל" איז נישט קיין פארלאמענטארישער, אבער די בעצייכענונג איז א ריכטיגע. דער רעדנער געהט אריבער צו אן אלגעמיינער קריטיק פון דער עקזעקוטיווע.

מען מוז פאדערען א גרעסערען שיין פאר יודען אין א"י. אין דעם פונקט פעררופט זיך שעכטמאן אויף דער דיסקוסיע, וואס איז אין דער מאנדאטען-קאמיסיע פארגעקומען צווישען דעם רעגירונגס-פארשטעהער יאנג און דעם קאמיסיע-מיטגליד דר. ראפעל.

די עמיגראציע קיין א"י וועט נישט אבגעשטעלט ווערען, אל יאייגס, צי זי וועט זיין א לעגאלע אדער אומלעגאלע. אויב דער קאנגרעס, פערענדיגט דער רעדנער, וועט נישט הערען דעם געבאט פון דער שעה, וועט דאס יודישע פאלק אריבערגעהן איבער׳ן קאנגרעס צום סדר-היום.

פרעזידענט מאצקין פראטעסטירט געגען דעם לעצטען אויסדרוק פון רעדנער.

די ציוניסטישע עקזעקוטיווע וועט בעטראכטען די אינטערפעלאציע וועגען דעם אבמאך מיט דער דייטשער רעגירונג

פראג 26 (יט"א) מוצאי-שבת איז געעפענט געווארען א זיצונג פון קאנגרעס-פלענום.

דער קאנגרעס האט געוועהלט עטליכע ווייטערע קאמיסיעס און איידער מען טרעט צו צום פונקט פון טאג-ארדנונג — פארטזעצונג פון דער גענעראל-דעבאטע — בעקומט דאס ווארט ה׳ מאיר גראסמאן, וועלכער פאדערט פון דער עקזעקוטיווע אן ענטפער אויף זיין אינטערפעלאציע פון פרייטאג נאכמיטאג וועגען דעם 3-מיליאן אבמאך מיט דער דייטשער רעגירונג.

מאיר גראסמאן ערקלערט, אז די ענגלישע פרעסע שטעלט פאר דעם ענין אלס א מסחר-אבמאך צווישען דער דייטשער רעגירונג און דער ציוניסטישער ארגאניזאציע. די זאך איז דעריבער פאליטיש געפעהרליך און דער רעדנער פאדערט א באלדיגען ענטפער פון דער עקזעקוטיווע.

דער פארזיצער לעא מאצקין מאכט אויפמערקזאם, אז לויט׳ן סטאטוט איז די עקזעקוטיווע נישט מחויב צו געבען אן ענטפער, נישט אנגעבענדיג דערביי קיין מאטיוועז פון איר אבזאג. היות עס איז אבער נישטא קיין פרעצעדענס, איז נישט קלאר, ווי אזוי צו האנדלען אין אזעלכע פראגען.

ה׳ מאיר גראסמאן פאדערט איבערצוגעבען די ענטשיידונג פאר דער פראצעדורע פראגע דעם קאנגרעס און פארלאנגט אן ענטפער אין משך פון 24 שעה.

דערויף נעהמט אין נאמען פון דער עקזעקוטיווע דאס ווארט ה׳ בערל לאָקער, וועלכער ערקלערט, אז נאך דאיידער ער בעריהרט מעריטאריש די אינטערפעלאציע, וויל ער פעסטשטעלען, אז די עקזעקוטיווע האט נישט קיין שייכות מיט דעם ענין, צוליב שבת האט די עקזעקוטיווע נישט אבגעהאלטען קיין זיצונג און נישט געקענט בעטראכטען די אינטערפעלאציע פון ה׳ גראסמאן. איצט וועט די עקזעקוטיווע דעם ענין בעטראכטען און בעשליסען, צי זי זאל ענטפערן דעם פלענום פון קאנגרעס אויף דער אינטערפעלאציע אדער פארלעגען דעם קאנגרעס צו בעשטימען וועגען דעם ענין א ספעציעלע קאמיסיע.

דערויף נעהמט ווידער דאס ווארט ה׳ גראסמאן אין זאגט, אז היות עס קען אפשר דויערן עטליכע טעג ביז דער בעשלוס פון דער עקזעקוטיווע וועט קומען צום קאנגרעס און דער ענין איז א צו דרינגליכער, פאדערט ער, דער קאנגרעס זאל בעשליסען, אז די עקזעקוטיווע זאל געבען אן ענטפער אין משך פון 24 שעה.

בערל לאקער נעמט דאן א צווייט מאל דאס ווארט און זאגט, אז די עקזעקוטיווע האט נישט קיין כוונה צו פערשלעפען מיט איהר ענטפער, וועט אין משך פון מארגענדיגען טאג דעם ענין בעהאנדלען און דעם ענטפער געבען נאך מאנטאג אדער דינסטאג.

לסוף דערמאנט לעא מאצקין נאכאמאל, אז לויט׳ן סטאטוט מעג די עקזעקוטיווע נישט ערלויבען קיין ענטפער אויף אן אינטערפעלאציע.

דאן טרעט צו דער קאנגרעס צו דער פארטזעצונג פון דער גענעראל-דעבאטע. דער ערשטער נעהמט דאס ווארט דר. עמיל שמארק.

די אונטערהאנדלונגען וועגען 3-מיליאן-אבמאך דויערן

אזוי ערקלערט דאס דייטשע רייכס-ווירטשאפטס-מיניסטעריום

בערלין, 27 (יט"א). אין צוזאמענהאנג מיט דער ידיעה, אז דאס דייטשע רייכס-ווירטשאפטס-מיניסטעריום זאל האבען ציבעליקירט די ידיעה וועגען 3-מיליאן-אבמאך, וועגען וועלכען דר. רופין האט מיטגעטיילט דעם קאנגרעס, האט דאס בערלינער יט"א-ביורא זיך געווענדעט מיט אן אנפראגע צום דערמאהנטען מיניסטעריום.

דאס רייכס-ווירטשאפטס-מיניסטעריום האט אויפגעקלערט, אז קיינער האט נישט אבגעלייקענט די ידיעה אלס אזעלכע, נאר בלויז די פארם, אין וועלכער די ידיעה איז געגעבען געווארען אין דער פרעסע.

דאס מיניסטעריום, ווערט ווייטער געזאגט אין דעם ענטפער, קען אין איצטיגען מאמענט נישט ארויסגעבען קיין נייע ערקלערונג. דער ענין וועט אי זעטליכע טעג ארום בעלויכטען ווערען אין א ספעציעלען קאמוניקאט. דערווייל ווערען פארטגעזעצט די אונטערהאנדלונגען, ווערט ערקלערט לסוף מעהר דעם מיניסטעריום.

דער פאלעסטינא-אמט אין בערלין טיילט מיט דער יט"א, אז דאס מיניסטעריום האט נאך ביז איצט דעם אבמאך נישט אבגעשלאסען, עס האט אבער ארויסגעגעבען איינדיווידועלע ערלויבנישען מיט דער ריקוכט אויף אזא עמיגראציע.

ה׳ כאם קאהען, וועלכער האט פאר דעם יט"א ביורא ביים קאנגרעס בעשטעטיגט, אז ער האט געפיהרט די אונטערהאנדלונגען און אונטערצייכנעט דעם אבמאך מיט׳ן רייכס-ווירטשאפטס-מיניסטעריום, איז א דעלעגאט צום קאנגרעס מצד די אלגעמיינע ציוניסטען אין א"י. ה׳ קאהען איז דער מאן פון דער בעקאנטער וויצע-פיהרערין, פרוי דר. מילער-קאהען.

הרב בראדט׳ס ארויסטריט אויפ׳ן קאנגרעס

פראג, (יט"א).

הרב בראדט (מזרחי) רעדט וועגן דער גוטער קאניונקטור, וואס האט זיך געשאפען אין דער פאליטישער לאגע. דער רעדנער אטאקירט די רעוויזיאניסטען, ספעציעל די רעוויזיאניסטישע יוגענד און פאדערט פאר׳ן מזרחי וואונגסטענס א מעגליכקייט צו ארבייטען, וועלכע קען געגעבען ווערען, אויב די ציוניסטישע ארגאניזאציע וועט לכל-הפחות זיך בעציהען נייטראל און רעליגיעזע פראגען.

ענערגישע פערזאנען קענען פערדינען ביז 1000 זלאטעס א מאנאט. אינפארמאציעס ערטהיילט

T-wo Bankowe w Grodnie, Hoowera 9

וויטערע פרטים פון פערהער פון אחי-מאיר

יפו 26 (יט"א). אלס צוגאב צום יט"א-בעריכט וועגען פריימאגדיגען פערהער פון אבא אחי-מאיר פאר׳ן בריטישען אויספארשונגס-ריכטער אין יפו, בעת וועלכען עס זענען דורך דעם פארשטעהער פון דער פראקוראטור ציטירט געווארען אויסצוגען פון אבא אחי-מאיר׳ס טאג-בוך, דארפען נאך צוגעגעבען ווערען פאלגענדע פרטים.

אין א צווייטען אויסצוג פון אחי-מאיר׳ס טאג-בוך איז געווען געזאגט:

„שבת-ציונאכטס איז אין מיין (אחי-מאיר׳ס) שטוב פארגעקומען אן אויפנאמע לכבוד דעם גרויסען נצחון".

די ווערטער „גרויסער נצחון" זענען געווען אריינגענומען אין גענזעפיסלעך, וואס דער שטעהער פון דער פראקוראטור האט בעזונדערס אונטערשטראכען.

א דריטער אויסצוג פון טאג-בוך לייענט זיך:

„א פריינד פון די ענגלענדער, א מאן, וואס האט געגעבען דעם הערשער׳ס ברוט, איז געפאלען פון די הענד פון אינבעקאנטע".

אין אנדערע שטעלען פון טאג-בוך רעדט אחי-מאיר די אינטערשידען צווישען פאליטישע און נישט-פאליטישע פערברעכענס, קומענדיג צו דער מסקנה, אז פאליטישע פערברעכענס זענען פאר די בעשולדיגטע און זייערע פריינד א פאזיטיווער צוקט.

פאר׳ן געריכט זענען אויך פארגעלעזען געווארען גאטיצען און אויסצוגען פון אחי-מאיר׳ס בריף, וואס האבען געהאט א שייכות צום ארלאזאראוו-מארד און צו פאליטישע פערברעכענס בכלל.

אחי מאיר האט בעת׳ן פערהער זיך לאנג געשפארט מיט׳ן העברעאיש-איבערזעצער פון קרימינאל-אויספארשונגס-אמט צבי ראזין, וועלכער האט פאר׳ן געריכט איבערזעצט די ביי אחי-מאיר׳ן געפונענע נאטיצען פון העברעאיש און ענגליש.

אחי-מאיר האט זיך פערוופען אויף אן ארטיקעל פון „חזית-העם", וואס איז ערשינען נאכן טויט פון דר. ארלאזאראוו און אין וועלכען די צייטונג האט אויסגעדריקט מורא איבער דעם שיידערליכען מארד. דער פארשטעהער פון דער בעשולדיגונג האט דערויף פארגעשטעלט דעם געריכט א פריהערדיגען נומער פון „חזית-העם", נעמליך דעם נומער פון 16-טען יוני, — פון דעם זעלבען טאג, ווען דר. ארלאזאראוו איז ערמארדעט געווארען, — אין וועלכען עס איז געווען אבגעדרוקט אן ארטיקעל מיט זעהר שארפע אנגריפען געגען ד. בן-גריון און דר. ארלאזאראוו.

לאזאר קאהאן

אהין אפאזיציע און אהין אונצופרידענע?

(נאכ'ן האנדווערקער-קאנגרעס)

דער האנדווערקער-קאנגרעס איז דאס מאל אריבער בשלום, אין א רוהיגער אטמאספערע, ביי א נישט געררייצטער שטימונג.

געפינען זיך מענשען, וואס זענען אומרוהיג פון דער דאזיגער רוהיגקייט.

זיי מיינען, אז צורוהיג איז אויך נישט קיין גרויסע מעלה. און זיי ווייזען אז די רוהיגע פ האט זיך גענומען דערפון, וואס אויף'ן קאנגרעס האט דאס מאל געפעהלט די אפאזיציע. און דאס האלטען זיי פאר נישט קיין גוטען סימן פאר דער באוועגונג.

די דאזיגע מיינונג איז אבער נישט אינגאנ־צען ריכטיג.

אויפ'ן קאנגרעס האבען זיך געפונען גענוג אומצופרידענע: סיי מיט דער לייטונג און סיי מיט די בעשלוסען. עס איז דאך אויסגעשלאסען, אז אלע זאלען זיין צופרידען, אז אלע זאלען האבען איין מיינונג און איין שטעלונג צו יעדער פראגע. מיי־נונגס-פערשידענהייטען זענען געזונד פאר יעדער באוועגונג. אזא ערשיינונג איז נאטירליך און מענשליך.

דאס מאל האט בלויז געפעהלט די כלומרשטע „פרינציפיעלע" אפאזיציע, וועלכע האט אבער אין איהר באנאזיש אלץ, וואס איהר ווילט — א חוץ פרינציפיעלע חלוקי דיעות אין די פערשידענע האנדווערקער-פראגען.

די אזוי גערופענע אפאזיציע, וואס פלעגט זייט יאהרען א פארביטערטען און א הארמנעקיגען קאמף געגען דער לייטונג פון צענטראלען הארד, ווערקער-פערבאנד, וואס טוט זעהר גרינג געקאנט צופריעדען ווענען אלע פראגען מיט די אנפיה־רער פון דער באוועגונג.

אפילו אין דער פראגע וועגען ארץ-ישראל, וואס איז כלומרשט דער „אידעאישער" אונטער־שלאג פון דער ציוניסטישער אפאזיציע, וועלכע האט לעצטענס געמאכט שבת פאר זיך...

זעהען מיר דאך, אז אויפ'ן קאנגרעס איז גע־האלטען געווארען א פראפאלעכטיגשער רעפעראט און אויף די רעזאלוציעס, וואס זענען אנגענומען געווארען אויפ'ן צוזאמענפאהר פון די בעלי־מלאכות וואלט זיך געקאנט אונטערשרייבען מיט א לייכטען הארצען אפילו דער הייסעסטער ציוניסט.

ניין, די מאטיווען פון דער אבגעשפאלטענער אפאזיציע זענען זיכער נישט קיין פרינציפיעלע און אידעאישע; זיי, די אבגעריסענע, זוכען ארויסגע־טראגען פון פערבאנד צוליב ריין פערזענליכע חשבונות...

און ווען מיר וואלטען א בליק אויפ'ן אבגע־האלטענעם האנדווערקער-קאנגרעס דארף מען זי־כער נישט בעדויערן, וואס די דאזיגע אפאזיציע האט געפעהלט — עס איז געווען פיל נישט־גוטער פאר'ן קאנגרעס און אפשר פאר דער גאנצער בע־וועגונג, וואס עס איז אזוי געשעהן.

האט מען דאך א דאנק דעם איין מאל געזעהן א יודישען צוזאמענפאהר אהן אויפגעברוזטע גע־מיטער און אהן גערייצטע ליידענשאפטען. דאס פלעגט דאך שטענדיג אריינברענגען נאר א כאאס, א מהומה און פלעגט שטערען דעם נארמאלען גאנג פון דער ארבייט אויפ'ן קאנגרעס גופא און אויס־בערלאזען ביז בלוט אויף א צייט לאנג נאכ'ן קאנגרעס.

ווען מען זאל זיך ערנסט פערטראכטען וועגען גורל פון די יודישע בעלי-מלאכות אין פוילען איז די דאזיגע געשאפענע לאגע נאר לטובת די יודישע האנדווערקער.

אבער דאס הייסט בכלל נישט, אז אין די רייען פון פערבאנד גופא פעהלען אונצופרידענע, איז נישטא קיין אפאזיציע.

אין פערבאנד גופא זענען אפילו פאראן אונ־צופרידענע אויפ'ן פערזענליכען בארען, אבער די הויפט-אפאזיציע איז געווען געגען איינציגע אנגע־נומענע רעזאלוציעס און אין ערשטער ריוה — גע־גען דער פאזיטיווער שטעלונג צו די צוואנגס-צע־כען.

די דאזיגע פראגע, צוליב וועלכער מען האט הויפטזעכליך דעם קאנגרעס גערופען, איז געשטא־נען אין צענטער פון דער גאנצער ארבייט אויפ'ן האנדווערקער צוזאמענפאהר. און דער בעשלוס איז אויך נישט אנגענומען געווארען מיט אזא גלייכגיל־טיגקייט און לייכטען געמיט.

די פאטריאטען פון האנדווערקער-פערבאנד האבען אוודאי אינערליך נישט געוואלט מסכים זיין צו דע ספרינציפ פון צוואנגס-צעכען. ביי דער דאזיגער לאגע ווערט דאך די פריוויליגע ארגאני־זאציע כמעט ווי אנ'איבעריגער באלאסט; אפילו די גערייצטע זעלנער פון פערבאנד וועלען מיט דער צייט זיך וועלען בעפרייען דערפון. עס זענען אויך געווען אנדערע מאטיווען געגען. און ווען עס האט געזיגט די פאזיטיווע בעציהונג צו די צוואנגס־צעכען איז עס צוליב אויסערליכע, צוליב יודישע טעמים.

דער יודישער בעל-מלאכה האט קיין אנדער ברירה נישט געהאט — ער האט געמוזט אזוי האנדלען.

און ווען דער האנדווערקער-קאנגרעס האט איצט אנגענומען די רעזאלוציע לטובת די צעכען, וועלען די פיהרער פון דער האנדווערקער-בעוועגונג זיך דארפען בעמיהען אזוי צו פארמירען די נייע אר־גאניזאציע-ראהם, אז די צוואנגס-צעכען זאלען נישט זיין קיין לאסט פאר די האנדווערקער; די בעציהונג צו די צעכען מוז מיט דער צייט ווערען א גוטווילינע.

צום קאנגרעס גופא קאן קיינער קיין גרויסע טענות נישט האבען. ער איז געפיהרט געווארען עהרליך און קולטורעל. און ווען אפילו עמיצער איז געקריוודעט געווארען דערמיט, וואס ער איז גע־בליבען מיט א נישט געהאלטענער חרשה — האט די בעוועגונג דערפון יעדענפאלס קיין גרויס היזק נישט געהאט...

נישט איין מאל האט מען די יודען ארויסגעטריבען, אבער נישט איין מאל האט מען זיי דערנאך צוריקגערופען

דאס מעגען געדענקען די היטלער-רוצחים

ארויסגעטריבען און צוריקגערופען — דאס איז דער גורל פון יודישען פאלק צווישען די פעלי־קער. האט מען געהארפט חעם יודען, האט מען גע־שיקט נאך איהם. האט מען איהם נישט געדארפט, האט מען איהם ארויסגעטריבען. האט מען איהם ווידער געדארפט — האט מען איהם ווידער צוריק־גערופען.

איהר לייענט, למשל, פון דעם פאגראם אויף יודען אין דער אלטער דייטשער שטאדט נירענ־בערג. נאציס האבען געפיהרט איבער די גאסען הונדערט פון די פיינסטע יודען אין שטאדט, זיי געשפיגען אין פנים אריין און געבריקעט מיט די פיס, און זיי דערנאך איינגעשפארט אין גע־פענגעניש.

וואונדערט מען זיך: ווי אזוי האט דאס גע־קאנט פאסירען, אין אזא שטאדט, ווי נירענבערג, אין א ציוויליזירט לאנד, אין דער היינטיגער צייט?

אבער אז איהר לייענט די געשיכטע פון די יו־דען אין נירענבערג, הערט איהר זיך אויף צו וואונ־דערן. דעמאלט הויבט איהר אן צו פערשטעהען, ווי אזוי דאס אלץ האט געקאנט פאסירען.

ווארום עס איז טאקע אמת, אז יודען האבען געלעבט אין נירענבערג אזוי לאנג ווי די דייטשען, דאך איז עס עפעס מעהר ווי הונדערט יאהר, ווי מען האט צוערשט ערלויבט יודען איינצעלנע יו־דען, זיך אריינצוקלייבען צוריק אין נירענבערג. און עס איז ערשט אכציג יאהר, ווי די גאנצע שטאדט נירענבערג האט ערלויבט דעם ביבעל יו־דען, וואס האבען אין איהר געלעבט, צו האוונען ימים-נוראים מיט א מנין, אבער מיט דעם בע־דינג, אז זיי זאלען דאוונען אין דער שטיל. דאס דאוונען זייערס זאל זיך, חלילה, נישט דערהערען אין דרויסען...

די זיידעס פון די היינטיגע נאציס האבען קוים גע'פועל'ט ביי זיך אריינצולאזען יודען צוריק אין זייער שטאדט. די זיידעס האבען געגעבען די ער־לויבניש, זענען געקומען די אייניקלעך און חרפה געמאכט...

הריי הונדערט און פופציג יאהר האט נירענבערג געלעבט אהן יודען. ווי קומט מען? ווייל זיבען יאהר נאך דעם ווי שפאניען האט ארויסגעטריבען איהרע יודען, האט דיש שטאדט נירענבערג ארויס־געטריבען איהרע יודען אויך.

די שטאדט אליין האט נישט געהאט האס רעכט ארויסצוטרייבען די יודען. דעריבער האט זי געמוזט קריגען א ערלויבניש פון דייטשען קייזער; אבער דער דייטשער קייזער האט זיך יאמארק נישט גע־לאזט בעטען.

אמת, דער קייזער פלעגט צו די יודען נישט צולעגען. ער האט גענענט זיי „קנעכט" דער הויף־שטייערען; אבער צו זייער ארויסטרייבען האט ער אויך גארנישט געדארפט דערלעגען, פערקעהרט, ער האט אין דעם חיבש פערדינט.

ער האט אבגעשאפט מיט דער שטאדט, אז אלע גיטער פון די ארויסגעטריבענע יודען זאלען געהערען צו איהם, צום קייזער הייסט עס. און אז די שטאדט זאל עס אבקויפען פון איהם פאר אכט טויזענט גילדען.

האט דער קייזער מאקסימיליאן געהאט אכט טויזענד גילדען און נירענבערג איז בעפרייט גע־ווארען פון יודען.

וואס האט נירענבערג דעמאלט געטאן צו איה־רע יודען?

דער אפיציעלער תירוץ איז געווען: די יודען פערמעהרען זיך צופיל; זיי „מאכען" צופיל געלד; זיי פיהרען זיך אויף מיט „חוצפה". און א חוץ דעם לאכען זיי נאך אפ פון די קריסטען.

דער אמת איז געווען, אז די גאנצע „העזה" אין בעשטאנען אין דעם, וואס זיי האבען פראק־טעסטירט קעגען די גזירות אזוי פיהרען אין דער נייער קאנסטיטוציע פון דער שטאדט, און זייער „אבלאכען פון דער קריסטליכער אמונה" איז בע־שטאנען אין דעם, וואס זיי האבען זיך נישט גע־לאזט אב'שמד'ען.

א גלח מיט'ן נאמען שווארץ האט געהאלטען אין איין אנרעדען יודען צו שמד און די יודען האבען נעהאט די „חוצפה" זיך אויסצולאכען פון דעם בזמון.

נישט איין יהר האט זיך דעמאלט גע'שמד'ט אין נירענבערג, נישט צוליב די הרשות פון גלח און נישט צוליב דעם גירוש, וואס מען האט זיי ארויסגעריפען. ווען האבען זיך יודען אין נירענ־בערג יא גע'שמד'ט? ערשט מיט עטליכע צענדי־ליג יאהר צוריק, ווען זיי האבען שוין געגאסען אלע רעכט און פריווילעגיעס, ווי די דייטשען; דער־מאלט האבען זיך אבגעשווכט משומדים ביי די גי־רענבערגער יודען...

אבער דאס איז נישט די גאנצע געשיכטע פון יודען; פריהער האט מען די יודען ארויסגעלאזט פון נירענבערג מענשליכער, ווי מען בעהאנדעלט זיי היינט...

ערשטענס האט מען זיי געגעבען דריי חדשים צייט צו שליסען זייערע געשעפטען. אמת, דער צוועק איז דא געווען גיכער אין די אינטערעסען פון די גוים, ווי פון די יודען. די גוים האבען גע־האט פער'משכנ'ט זאכען ביי יודען, האבען זיי גע־דארפט האבען צייט אויסצוקויפען זייערע משכנות. אבער דאס האט אויך געהאלפען די יודען, און ווינציגסטענס האט מען זיי ערלויבט ארויסצופאה־רען פון לאנד מיט זייער געלד.

מען האט זיי נאך געגעבען מיליטערישען שוץ, כדי דער אויסגעהעצטער המון זאל זיי נישט בעי־פאלען. ווי די נאציס בעפאלען יודען היינטציטאג אין דערזעלבער שטאדט.

ס'איז אפילו געווען א געזעץ צו ארעסטירען יעדען אורדען, וואס וועט צוריקקומען אין שטאדט; אבער, אז די שטאדט האט גענומען אבשטארבען, האט מען זיך נישט געשעמט און די יודען צוריק־גערופען.

אבער דאס איז נישט די גאנצע געשיכטע פון יודען אין נירענבערג, וואס איז פיל מיט פיין און לייד. ערגערס און ווילדערס נאך האט פאסירט.

אומגעפעהר הונדערט און פופציג יאהר איי־דער מען האט די יודען ארויסגעטריבען פון נירענ־בערג, האט מען זיי צוזייפגעטריבען אויף איין פלאץ און זיי אלעמען פערברענט לעבעדיגערהייט.

דאס איז געווען פונקט אינמיטען פערצעהנ־טען יאהרהונדערט, ווען די שווארצע מגפה האט געפיזשעוועט איבער דער וועלט. האט מען געמאכט א בלבול אויף יודען, אז זיי פערגיטען די ברונע־מער, און דערפון פערשפרייט זיך עס די פעסט.

היינט זאגען די דייטשען, אז די יודען פערגיפ־טען דעם דייטשען גייסט. דעמאלט אבער האט מען עס געמאכט פשוט'ער און פערשטענדליכער און אנגעשרעדט חאס פאלק, אז יודען פערגיפטען די ברונימער.

די הויפט-זאך אבער איז געווען, וואס יודען זאג־נען דעמאלט געווען די געלד-לייהער, די קרעדיטא־רען. צו האנדווערק און אנדערע מסחרים האט מען זיי נישט צוגעלאזען. האבען זיי געמוזט האנדלען מיט געלד. האבען די קריסטען אין א סך לענדער פון זאיירעפא געמאכט א רעוואלוציע אויף א מי־טעלאלטערליך-פארבארישען אופן, א רעוואלוציע אויסשליסליך געגען יודען. מען האט פערטריבען די יודען און אבגעווישט די חובות, וואס מ'איז זיי שולדיג געווען... אין ערגעץ אבער זענען נישט געווען אזוי שוידערליך די הריגות, אויף יודען, ווי אין דייטשלאנד. „יודען-פרעסער" האבען די דייט־שען עס גערופען. צווישען די דייטשע שטעדט, ווען מ'האט דעמאלט פערברענט די יודען, איז אויך געווען נירענבערג.

פינפצעהנטען האט נאך נישט לאנג געדוי־ערט, האט מען ווידער געלאזט די יודען זיך בע־זעצען אין נירענבערג. ווארום די שטאדט האט אנגעהויבען געהן בארג אראב, און אין די הויכע קרייזען האט מען איינגעזעהען, אז עס ליגט אין די אינטערעסען פון די קריסטען איינצינעהמען ווי־דער יודען. 150 יאהר שפעטער איז עס נישט גע־לעגען אין די קריסטליכע אינטערעסען צו האבען יודען — האט מען זיי ווידער ארויסגעטריבען...

קאנפערענץ פון דעמאקראטישע רעוויזיאניזם

פראג (יט"א) אין פראג איז פארגעקומען א קאנפערענץ פון דעמאקראטישען רעוויזיאניזם מיט דער בעטייליגונג פון דער דעמאקראטיש-רע־וויזיאניסטישער קאנגרעס-פראקציע און פון 42 פערטרעטער פון פוילען, גאליציען, לעטלאנד, ליי־טע, אלט-רומעניען, בוקאווינע, עסטרייך, ארץ-ישי־ראל, ענגלאנד, משעכאסלאוואקיי, שווייץ א. א.

מ. גראסמאן האט געהאלטען א רעפעראט וועגען די פאליטיק פון דער דעמאקראטיש-רע־וויזיאניסטישער פראקציע אויפ'ן קאנגרעס. ער האט אונטערגעשטראכען, אז די פראקציע! בע־טראכט זיך אלס לחלוטין זעלבסטשטענדיגע גרו־פע, וואס וועט זיך ריכטען אויפ'ן קאנגרעס לויט איהרע אייגענע ווענען. ער קאראקטעריזירט די שטעלונג פון די פארטייען, וואס בילדען דעם איצ־טיגען קאנגרעס און די בעציהונג צו זיי מצד דער דעמאקראטיש-רעוויזיאניסטישער פראקציע.

די אויפגאבע פון דער פראקציע אויפ'ן קאנ־גרעס איז דער קאמף פאר'ן יודענשטאאט-ציוני־ניזם אין זיין קאנסטרוקטיווער פארם, וואס זאל ענטשפרעכען דער עפעקטיווער לאגע פון יודענ־טום אין דער גאנצער וועלט, מיט געוויסע פאר־שלאגען וועגען דעם ענין קומט אויך די פראקציע אויפ'ן קאנגרעס. די יודישע אגענט מוז איבער־געבויט ווערען, אזוי, אז די נישט-ציוניסטען זא־לען לחוב זיך בעטייליגען נאר אין עקאנאמישען אויפבוי פון א"י. די וואהלען האבען בעוויזען, אז האב שקל-יכונים ענטשפרעכט נישט מעהר די לאגע, אין וועלכער דער ציוניזם געפינט זיך. דער רעדנער וואהרפט אויף א פלאן פון גרינד־ליכע ארגאניזאציאנעלע שנויים און בעטאנט, דאס אויב די דאזיגע פארערונגען וועלען אויפ'ן קאנ־גרעס נישט אנגענומען ווערען, וועט דער דעמא־קראטישער רעוויזיאניזם אויך דאן נישט פערלא־זען די ארגאניזאציע, נאר וועט פארזעצען זיין קאמף פאר דער כאנירונג פון ציוניזם.

אינזוש. האבערט שטריקער רעפערירט די רע־וויזיאניסטישע פארשלאגען אין צוזאמענהאנג מיט דער יודישער לאגע אין דייטשלאנד און דר. י. כהן בעהאנדעלט די פראגע פון דער ירגענד-ארגאניזא־ציע „ברית-הקנאים".

די פראקציע פון די דעמאקראטישע רעוויזי־יאניסטען בעשטעהט פון 13 מיטגלידער, צווישען זיי 5 א. ק.-מיטגלידער און 8 געוועהלטע דעלע־גאטען. הר. סאסקין און י. האזאוו זענען צוליב זייער שוואכען געזונט-צושטאנד נישט געקומען קיין פראג. די בעראטונגען פון דער קאנפערענץ האבען געדויערט עטליכע טעג.

אויסצייכנונג פאר יודען

אין „טאג פון דער סאוויעטישער אוויאציע"

מאסקווא, (יט"א). אין צוזאמענהאנג מיט דעם „טאג פון סאוויעטישער אוויאציע" וואס איז געפייערט געווארען די טעג, זענען 95 קאמאנדירען, אינזשיניערען און לופט-פליהער דעקארירט גע־ווארען מיט פערשידענע ארדענס. צווישען די אויס־געצייכנטע זענען פאראן פיל יודען ווי ב. קא־גאן, קאמאנדיר און מיליטערישער קאמיסאר פון א לייכטער שטורם-עסקאדריליע, מ. לעוין—שעף־אינזשיניער פון ווייסענשאפטליך י אויספארשערי־שען אינסטיטוט ביי דעם מיליטערישען לופט־פלאט, דער פילאט מ. דארפמאן, אינזשיניער-קאנ־סטרוקטאר י. גיימאן פון בארקאווער אינסטיטוט פאר אוויאציע — פאר שאפען א פאסאזשיר-אע־ראפלאן פון אויסשליסליכען חערט. הילדמאן — שעף פון בירגערליכען לופט-פלאט און אנדערע. שעף פון בירגערליכען לופט-פלאט און אנדערע.

לייענט דעם „יודישען קוריער"

אינזש. ראָבערט שטריקער.

דער אַנטיסעמיטיזם אין אייראָפּא

(ספּעציעל פאַר אונזער עקספּרעס)

(המשך)

מיר זענען מחויב און האָבען דעם פעסטען ווילען אויפצוהויבען דעם זיטליכען און גייסטיגען ניווא פון אונזער פאָלק, אָבער [illegible] אונז דערביי נישט ליגען אין [illegible] פיר פּראָצענט פון דער [illegible] בענדער פערברעכער־סטאַטיסטיק.

מיר טהוען דאָס צום וואויל פון אונזער פאָלק און אין דינסט פון דער מענשהייט, נישט אונטער דעם דרוק פון די אַנטיסעמיטען. אויב מיר פערצייכנען אפילו די לייסטונגען פון יודען בשעת מלחמה און שאַצען ווי אָב, טהוען מיר דאָס נאָר כדי צו פערגרעסערן אונזער וויסען, אָבער נישט כדי זיך דערמיט פאַר פרעמדע צו בערייהמען אָדער פאַר זיי זיך מיט א קרעכץ צו פערענטפערן.

עס איז נאָר דאַ איין וויכטיגע און ווירקזאַמע אַמוניציע־מלחמה געגען דעם אַנטיסעמיטיזם. וואָס מען קאָן איינפאַסען אין פאָלגענדען זאַץ:

די יודען זענען א פאלק און ווילען ווי א פאלק בעהאַנדעלט ווערען.

יעדער יוד מוז זיך בעקענען צום יודישען פאָלק און די געזאַמטע יודענשאַפט מוז זיך אָרגאַניזירען אַלס איין פאָלק.

די קלעפּ, וועלכע דער אַנטיסעמיטיזם האָט אונז בשעת־מלחמה געגעבען און וועלכע ער גיט אונז איצט, האָבען אונז אָנגעטאָן פיל צרות. אין דאָך זענען די אַנטיסעמיטען נישט קיין געוואַלדיגע קראַפט־נאַטורען, נישט קיין כח, וועלכען מען [illegible] די ווירקזאַמקייט פון זייערע קלעפּ געפינט זיך נישט אויס [illegible] פון דעם אַנטיסעמיטישען „קולאַק", נאָר אין דער שוואַכקייט פון די געשלאָגענע.

וואו דער אַנטיסעמיטיזם שלאָגט נאָר — טרעפט ער אין אַזוי האַרט ווייך אָרט, אויף א פּאָדמלאָזע, ווידערשטאַנדלאָזע מאַסע, וועלכע צעשטרייט זיך אונטער א שטאַרקען קלאַפּ און פערוואונדעט נישט געגען שטאַרק די פויסט, וואָס לאָזט זיך אַראָב אויף איהם.

דער יוד איז נאָך היינט אַן'אָנגעהעריגער פון א פּאָליטישער און נאַציאָנאַל־נישט־פעסט־צוזאַמענגעשלאָסענער געמיינשאַפט, אויסגעליפערט דער הפקרות פון זיין סביבה, פון בעאַמטענטום און פון זיינע געזעצליכע בעלי־בתים. ער קאָן אין בעסטען פאַל זיך ווענדען צו זיין אָרגאַניזאַציע אָדער צו איינעם פון די יודישע עפענטליכע פאָרשטעהער, וועלכע קאָנען פאַר איהם אָנשרייבען און דערלאַנגען א פּראָטעסט און — וואַרטען...

דער יוד פיהלט זיך פעראייזאָלירט, ער עמפּפינדעט נאָך היינט, אַז די יודישע געמיינשאַפט גיט איהם נישט קיין געהעריגען שוץ און זיין צוגעהעריגקייט צו איהר בערשאַפט איהם כמעט נאָר צרות. ווייל ער פיהלט אַזוי ווערט ער אנשטאַט אין אַן'עת־צרה צו זוכען ביי איהר אָנשלוס פון איהר אַנטלויפען אַנשטאַט זיין יודענטום און זיין רעכט אַלס יוד צו פערטיידיגען, וועט ער, — ווייל ער פערצווייפעלט אַלס איינצעלנער אין דעם כח פון זיין ווידערשטאַנד, — טראַכטען וועגען דעם ווי אַזוי זיין יודישקייט אויסצובעהאַלטען.

ער וועט אַזוי־אַרום דערגעהן צו דער העסליכסטער און אומזיטליכסטער פערלייקענונג פון זיין שטאַם.

אַזוי, איז נאָך פאַר א גאַנץ קורצער צייט געוועזען אַן'אָפטע ערשיינונג, אַז יודען האָבען אָבגעהוזק'ט פון יודען, כדי צו געפינען חסד אין די אויגען פון דעם נישט־יודען, אַלס אויסנאַהם פון דעם יודישען כלל. יודישע „גאַטשעלניקעס" האָבען געהאַפט צו פערפעסטיגען זייערע פּאָזיציעס דורך דעם, וואָס זיי האָבען זייערע אָנגעשטעלטע יודען בעהאַנדעלט ערגער ווי די נישט־יודישע אָנגעשטעלטע. די נישט־יודישע אָנגעשטעלטע האָבען זיך ווידער אָבגערוקט פון זייערע יודישע קאָלעגען, זוכענדיג זיי אַרויסצושטופּען, כדי צו זיכערן זייער אייגענע לאַגע. קורץ: דער פעראייזאָלירטער יוד זייערט געצוואונגען צו א קאַמף, וועלכער פערהאַרטעוועט נישט דעם כאַראַקטער, נאָר פערדאַרבט איהם, וואָס ברענגט נישט קיין שאָדען דעם אַנטיסעמיטישען שונא, נאָר צעזעצט די יודישע געמיינשאַפט.

די פּאָלשטענדיגע אָרגאַניזירונג פון אַלע יודען אַלס פאָלק וועט ענדערן די האַזיגע סיטואַציע מיט איין קלאַפּ. די קליינע און גרויסע טיראַנען, וועלכע האָבען לעבי איזאָלירטע יחידים און לויזע יודישע געמיינשאַפטען נישט קיין רחמנות און נישט קיין חרפּה, וועלען זיך אָבער היטען פאַר דער געפאַהר אַרויסצורופען געגען זיך דעם גוט־אָרגאַניזירטען צאָרן פון א גאַנץ פאָלק. עס איז אויך נישט דענקבאַר, אַז א רעגירונג (נישט א טיראַן) זאָל כסדר שטיל פערגעהן זייערע וואונשען און אָנקלאָגען אָדער אָב'פטר'ן מיט פויסטע פראַזען דעם געדרעכטען ווילען פון א געאייניגטער יודישער נאַציע.

דער אַנטיסעמיטיזם וועט געוויס נישט אינגאַנצען פערשווינדען, בעזונדערס וועט דער געזעלשאַפטליכער און ווירטשאַפטליכער קאַמף געגען די יודען קיינמאָל נישט אינגאַנצען אויפהערען. אָבער עס וועט נישט מעהר זיין קיין קאַמף אויסשליסליך אויף דעם שוואַכען רוקען פון יחידים און לויזע קהלות, וועלכער נעהמט אָן העסליכע פאָרמען און האָט שרעקליכע רעזולטאַטען, עס וואָלט

[illegible] גוטן פאָלק, פון [illegible] אַפּט.

נאָר די, אויף פאָלקסטימליכער [illegible] נישע יודישע געמיינשאַפט, וועלכע [illegible] [illegible] אַרויסצוברענגען א ים פון גייסטיגע, ווירטשאַפטליכע און פּאָליטישע מאַכט־מיטלען, וועט דעם האַזיגען קאַמף קאָנען ביישטעהן.

געוויס נישט אָהן קרבנות, אָבער אויך נישט ווערענדיג קאָררומפּירט און נישט ווערענדיג צעריבען אונטער דעם „קולאַק פון אַנטיסעמיטיזם.

בשעת מלחמה איז בעגרינדעט און געשטאַרקט געוואָרען די אידעע פון דער שאַפונג פון א פעלקערבונד, וועלכער זאָל געבען שוץ אַלע נאַציעס, בעזונדערס זאָל ער שיצען די קליינע און שוואַכע נאַציעס פאַר פערגוואַלטיגונגען.

צי איז דער פעלקער־בונד געוואָרען די דאָזיגע ערוואַרטעטע אינסטאַנץ?

יעדענפאַלס האָט שוין דער געדאַנק וועגען אינטערנאַציאָנאַלען רעכט און גערעכטיגקייט פעסטע וואָרצלען און קאָן נישט אַזוי שנעל אויסגעראָטעט ווערען. די ציוויליזירטע מענשהייט וועט זיך מעהר נישט קאָנען צוריקציהען פון דער התחייבות זיך צוצוהערען צו דעם רוף און צו דער אָנקלאַגע פון בע'עוולה'טע פעלקער. און זי וועט נישט מעהר קאָנען שווייגען, ווען עס דערהויבט זיך די שטים פון דעם 17־מיליאָניגען יודישען פאָלק אין דער שעה פון זיין גרעסטער נויט.

אָבער נאָר אַלס פאָלק! דער איינצעלנער יוד און די יודישע גרופּען, וועלכע בעקענען זיך נישט צום יודישען, נאָר צו אַן'אַנדער פאָלק, זאָגען זיך דערמיט אָב פון דעם ווערטפולען רעכט פון א וועלטבירגערליכער בעשיצונג אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע.

דורך דעם, וואָס זיי בעקענען זיך אַלס דייטשען, טשעכען א. אַז. וו. בעטריבען זיי זיך פון דער מעגליכקייט אַנצוקלאָגען עפענטליך־רעכטליך זייערע דייטשע אָדער אַנדערע פייניגער און פערפאָלגער. זיי ליפערן זיך און זייערע פאָלקס־חברים אייה דער ווילקיר פון פרעמדע מאַכטהאָבער, זיי וועלען שטענדיג בלייבען חאָס, וואָס זיי זענען פריהער געוועזען.. געדולדעטע פרעמדע. וואָס עס בעדייט זיך איבערצוגעבען אויף דעם חסד אָדער אונגענאָד פון אַנדערע פעלקער, דאָס האָבען אונז די נאָך־מלחמה־פּאָגראָמען, איינשליסענדיג דאָס איצטיגע דייטשלאַנד, שוין אויסגעלערנט:

נאָך שטעהען א כך יודען מחוץ דעם נאַציאָנאַלען לאַגער, און דאָך האָט דער יודיש־נאַציאָנאַלער געדאַנק בעקומען א זיגענדען כח. דורך כסדר'דיגען שטרעבען און דורך צילבעוואוסטער אַרבייט האָט די יודיש־נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע פערשטאַנען צו פערהיטען דעם ליאַרם פון דער וועלט־מלחמה און דערהויבט דער, אַז די גרויסמאַכטען פון מערב און פון מזרח און די סאָציאַליסטישע קאָנגרעסען האָבען אָנערקענט דאָס רעכט פון די יודען אויף זייער אַלטער היימאַט ארץ־ישראל און זייער רעכט אויף פרייע ענטוויקלונג אין אַלע לענדער, וואו זיי וואוינען. זי האָט עס דורכגעזעצט אַז דאָס יודישע פאָלק איז אויף דער פרידענס־קאָנפערענץ געוועזען זעלבסטשטענדיג פערטרעטען.

אַלץ, וואָס עס איז געמאַכט געוואָרען אויפ'ן געביט פון וואָס'ער געגען פלוטיגע יודען־פערפאָלגונגען אין משך פון די לעצטע יאָהרען, האָט מען צו פערדאַנקען דער יודיש־נאַציאָנאַלער אַרבייט.

יודיש־נאַציאָנאַלע האָבען געשאַפען די זעלבסטשוצען. זיי האָבען געשאַפען אַן'אינפאָרמאַציאָנס־דינסט, וועלכער דערגרייכט די גאַנצע וועלט. יודיש־נאַציאָנאַלע האָבען אָנגעקלאָגט פאַר'ן פאָרום פון די פעלקער די פּאָגראָם־לייט פון פערשידענע נאַציעס; א דאַנק זיי האָבען די אַליירטע ערקלערט, אַז זיי וועלען נאָר אַזעלכע פעלקער ערמעגליכען דעם באַוויפבוי פון זייערע מלוכות, וועלכע וועלען די יודען געבען פולע רעכט און וועלכע וועלען זיך אָבהאַלטען פון יעדער אַנטיסעמיטישער געוואַלדטהאַט.

פיהרער פון יודען, וועלכע ריהמען זיך מיט זייערע „גרויסע" בעציהונגען, שטעהען לעדיג. די איינציגע טעטיגקייט פון די דאָזיגע העררען איז בעשטאַנען אין דעם צו וואַרפען שטעקענס אונטער די פיס פון די נאַציאָנאַלע יודען, וועלכע האָבען געקעמפט פאַר יודישע רעכט.

אין א צייט, ווען אַלע פעלקער האָבען זיך אַליין איינגעשטעלט פאַר זייערע רעכט, האָבען די יודען געמיזט און מוזען נאָך היינט טהון דאָס זעלבע. זיי מאָרען לענגער נישט שפּעקולירען אויף פרעמדע הילף, בויען אויף פרעמדען חסד און אין אויסבעהאַלטען זיך פאַר דער ווירקליכקייט זוכען זייער רעטונג.

אַזאַ צוגאַנג איז נאַריש, גרעלאָז און רייצט אין ערמוטיגט אונזערע שונאים.

די יודען וועלען נאָר דאַן קומען צו זייער פולען רעכט, ווען זיי וועלען זעם אַלס נאַייניגט פאָלק פאָדערען.

2. צי שאַדט דער יודישער נאַציאָנאַליזם?

פון דער צייט אָן, ווען דאָס יודישע פאָלק איז פערטריבען געוואָרען פון ארץ־ישראל און איז אין גלות אַוועקגעגאַנגען, האָט עס אויך אויפגעהערט צו פיהרען נאַציאָנאַלע פּאָליטיק.

די יודען האָבען אָבגעהיט זייער אייגענאַרט, זיי האָבען זיך אַלס היימלאָזע נאָר מעהר צונעבונדען צו זייער פאָלקסטום, זיי האָבען דורך זייער דינקאַרט און לעבענסשטייגער זיך אָנגעשלאָסען פונדערוויטענס פון זייער סביבה. אָבער זיי זענען שוין קיינמאָל מעהר נישט געקומען דערצו, אויפצוטרעטען פּאָליטיש לעבן אַנדערע פעלקער און פאַר זיך, אַלס נאַציאָנאַלער אָרגאַניזם, אַלס פאָלקס־געמיינשאַפט, צו פאָדערען פּאָליטישע רעכט.

זיי האָבען איינצעלווייז אָדער אין גרופּען בשעת'ן גלות געזוכט מאָלעראַנץ און שוץ, עס אויסגעבעטעלט אָדער געקויפט.

(המשך — פרייטאָג).

קליינקייטן פון דעם ציוניסטישן קאָנגרעס

(פון אונזער ספּעציעלען שליח י. וואַק)

דער קאַמף מיט די מונדירען

אין דער געשיכטע פון די ציוניסטישע קאָנגרעסען, וואָס זענען תמיד געווען רייך אין חי פערשידענסטע קאַמפען, איז זייט דעם היינטיגען קאָנגרעס צוגעקומען א שפּאַגעל־נייער קאַפּיטעל, צוליב דעם שפּאַגעל־נייעם קאַמף, וואָס איז צום אויסדרוק געקומען אויף דעם אָבצעהנטען קאָנגרעס, נעמליך דער קאַמף געגען די מונדירען.

און לאָמיר זיין פּינקטליך: דער קאַמף מיט די מונדירען האָט זיך, אייגענטליך, נאָך פון עטליכע טעג פאַר דער עפענונג פונ'ם קאָנגרעס. שוין דער אַקציאָנס־קאָמיטעט, וואָס איז זיך צונויפגעקומען פאַר'ן קאָנגרעס, האָט זיך פערנומען מיט דעם נייעם קאַמף מיט דעם מונדירען־קאַמף.

עס איז קיין שפּאַס נישט, דגם מאָמענטען וויין האָט אַט דער אונטערנעמענער קאַמף דורך דעם אַקציאָנס־קאָמיטעט געגען די מונדירען בעקומען א בילט'ען טראַגישקאָמישען און שיער נישט פערוואַנדעלט די ציוניסטישע פיהרער אין... קליידונג־צושטעלער.

לאָמיר נישט מאַכען די פּיש פאַר די נעץ און איבערגעבען אַלץ מיט דער כראָנאָלאָגישער פּינקטליכקייט ווי עס פּאַסט פאַר א ערשט־ראַנגיג נייעם געשעהעניש, מיט וועלכען עס האָט זיך אָנגעהויבען א נייע קאַפּיטעל אין דער געשיכטע פון ציוניזם.

עס זענען אַרומגעגאַנגען קלאַנגען, אַז אויפ'ן קאָנגרעס אין פּראָג האָבען קומען עטליכע הונדערט צי זאָגאָר עטליכע טויזענד מונדירטע יודישע יונגעלייט — איז די מורא פאַר דעם מונדיר געפאַלען אויפ'ן אַקציאָנס־קאָמיטעט און מען האָט בשלאָסען... צו פערוועהרען דאָס טראָגען די אָרגאַניזאַציאָנס־מונדירען אין קאָנגרעס־זאַל.

די גזירה פונ'ם אַקציאָנס־קאָמיטעט האָט מאַקי געהאַלטען ביז... צו דער עפענונג פונ'ם קאָנגרעס, און עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז די גאַנצע יוגענד, איינשליסענדיג די אָרדנערס, זענען אַלע אין מונדירען די פּאַרטיי־העמדלעך. עס איז געשאַפען געוואָרען ממש א קריזיס אַרום דער העמדלעך־פּראַגע. מען האָט געפּרובט צו ווירקען אויף דער יוגענד זי זאָל זיך אָבזאָגען פון איהר פּאַרטייאישען לבוש, אָבער דאַ האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז די יוגענד, צו מעהרסטען שומרים פון די נאָהענטסטע לענדער, איז געקומען קיין פּראָג בלויז אין די בלוזעס, וואָס זיי טראָגען אויף זיך און פערהערען זיי טראָגען די בלוזעס דאָס הייסט נ... מען זיי אַרומצוגעהן נאַקעט.

מען האָט געפיהרט, ווי דער שטייגער ביי פּאָליטישע קאָנפליקטען און קריזיסען, אונטערהאַנדלונגען און הינטער־קוליסען־געשפּרעכען, אָבער דאָס אַלץ האָט ווענינג איבערצייגענד געווירקט אויף דער גזירה פונ'ם אַקציאָנס־קאָמיטעט. די יונגע לייט האָבען גע'טענה'ט איינס: „איהר ווילט נישט אונזערע מונדירען, איהר ווילט נישט אונזערע בלוזעס — גוט, מיר בעוואָרענען אונז מיט אַן'אַנדער לבוש... אדרבא, זאָל אונז דער אַקציאָנס־קאָמיטעט קויפען בעקליידונגען ווי באַלד ער וויל אונז אַזוי נישט צולאָזען צום קאָנגרעס.

ווער ווייסט וואָס פאַר א סוף עס וואָלט אָט דער מונדירען־קאַמף בעקומען — ווען נישט דער גליקליכער צופאַל פון אַן'אַנדערען קאַמף, וואָס שנעל פערנומען זיין אָרט, דער קאַמף וועגען די וואַהלען פון א קאָנגרעס־פּרעזידיום. אָבער דער קאַמף געהערט שוין ווייט־ווייט נישט צו די „קליינקייטן" פון דעם אָבצעהנטען קאָנגרעס.

„עולי רגל"

דער ציוניסטישער קאָנגרעס ווי להבדיל אַמאָל דאָס הייליגע ירושלים — האָט זיינע „עולי רגל" אַזעלכע, וואָס האַלטען פאַר זייער הייליגע מצוה צו פוס צו קומען צום קאָנגרעס און נישט הס־וחלילה פערפּאַסען צו איהם.

די מעשה מיט דעם פּראַגער יודישען מאָלער, וואָס איז א מאַניאַק אויף איין זאַך, אויף „עולה רגל" צו זיין זאויפ'ן קאָנגרעס, און וועלכער האָט היי־יאָהר, ווען דער קאָנגרעס קומט זיך מאַקע צונויף אין זיין פּראָג, נישט פיל געטראַכט און א פאָהר געגעבען קיין וויען, כדי פון דאָרט צו קענען עולה רגל זיין קיין פּראָג אויפ'ן קאָנגרעס — האָט איהר שוין מסתמא געהערט. אָבער ער איז נישט איין און איינציג אויף דעם היינטיגען קאָנגרעס. פיל „קאָנקורענטען" אויף דעם אייגענאַרטיגען געביט האָט ער היי־יאָהר בעקומען.

אַט, למשל, שטעהט א גרופּע שומרים פון וויען. איך פערפיהר מיט זיי א געשפּרעך און עס ווייזט זיך אַרויס, אַז זיי האָבען געמאַכט צו פוס דעם וועג פון וויען קיין פּראָג צום קאָנגרעס, „עולה רגל" געווען ווי זייערע אבות אבותיהם מיט פיל הונדערטער יאָהרען צוריק קיין ירושלים. איך מאַך א התפּעלות־מינע, בפרט דערזעהענדיג צווישען זיי מיידלעך און יונגלעך פון אונגעפעהר צוועלף יאָהר — און טרעף אָן אויף א ביטול־בעמערקונג אויפ'ן חשבון פון מיין התפּעלות:

— און נישט בלויז מיר — ענטפערט מיר א שומר'קע מיט א פּאָר וואַסערדיג־בלאָע אויגען און מיט אַן'אָנגעשטרענגטען, מאָדנע־קלינגענדען העברעאיש, וואָס קלינגט אָבער דעסטאָ אָנגענעהמער אין מיינע אויערען, זעהענדיג וואָסערע בעמיהונגען זי מאַכט זיך אויסצודריקען תוקא אין חקבּרעאיש — אויך פון אַנדערע לענדער זענען גאַנצע גרופּעס שומרים אָנגעקומען...

א סברא, אַז נישט בלויז שומרים, נאָר אויך עטליכע דעלעגאַטען פון די נאָהענטסטע מקומות. די לעצטע זענען „עולה רגל" נישט אַזוי [illegible] ליב ספּאָרט אָדער ראָמאַנטיק ווי צוליב איינשפּאָרען א פּאָר גראָשען...

די אויטאָגראַפען־מאַניאַקעס

איך צווייפעל צי מען האָט אַמאָל דורכגעפיהרט א סטאַטיסטיק נישט צווישען די דעלעגאַטען פונ'ם קאָנגרעס נאָר, צווישען זייערע געסט. דאָס וואָלט געווען א זעהר בעלעהרענדע און אינטערעסאַנטע סטאַטיסטיק.

איהר האָט שוין מסתמא געהערט וועגען די געשעפטס־קאָנגרעסיסטען, ד. ה. וועגען אַזעלכע קאָנגרעס־געסט, וואָס קומען האָט איבען „ביזנעס", איהר האָט מסתמא געהערט וועגען די שידוכים־קאָנגרעסיסטען ד. ה. אַזעלכע, וואָס קומען אויפ'ן קאָנגרעס, כדי צו טהון „שידוכים" און אַנדערע פערשידענע „אידעאַלישע" פּראַקציעס פון די קאָנגרעס־געסט. אָבער א ספּעציעלע מנפה שטעלט מיט זיך פאָר א פּראַקציע פון אויטאָגראַפען־קלייבער.

זיי נאָר עס בעוויזט זיך אינ'ם קאָנגרעס־קאָרידאָר אויף דער גאַס צי אין א קאַפע א קאָנגרעס־גדול, א ציוניסטישער פיהרער, גלייך ווערט ער אַרומגערינגעלט פון א גאַנצע כמאַרע אויטאָגראַפען־מאַניאַקעס, בפרט פון יונגע מיידלעך, וואָס לאָזען זיי נישט אָב ביז ענדליך זיי וועלען פערווייבען מיט זייער חתימה זייערע נאָטיץ־ביכלעך.

אין א בעזונדער בעלאַגערונגס־צושטאַנד געפינט זיך איין בעקאַנטער ציוניסטישער פיהרער, וועלכער איז פערנומען אין די קאָמיסיעס און אויף די בעראַטונגען, אַזוי אַז אויפ'ן קאָנגרעס־קאָרידאָר איז איהם שווער צו טרעפען. איהם ווידער לאָזט מען נישט אָבעסען. מען איז געוואָויר געוואָרען, וואו ער עסט מיטאָג און צווישען איין לעפעל און א צווייטען מוז ער געבען חתימות...

די סנאָבען זענען חוצפּהדיג און קיינער קען זיך פון זיי נישט אויסבעהאַלטען. מען דערציילט וועגען איינעם א פיהרער, וואָס איז פאַרטאָג אויפגעוועקט געוואָרען פון א אויטאָגראַפען־מאַניאַק; א צווייטען ווייטער האָט מען ממש נישט געלאָזט געהן שלאָפען, אַזאַ מחנה אויטאָגראַפען־מאַניאַקען האָט איהם „מכה" געווען מיט א בקשה.

און אויך איבעריג איבערקלייבעריש זענען נישט די אויטאָגראַפען־סנאָבען, ווי סנאָבען בכלל. עס איז גענוג, אַז עמיצער זאָל מאַכען א צווישען־רוף אויפ'ן קאָנגרעס, ער זאָל גלייך ווערען א גדול אין זייערע אויגען און זיי רייסען פון איהם אַן אויטאָגראַף, א פשיטא שוין איינער, וואָס דערגרייכט ביז צו א סקאַנדאַל....

מען דערציילט אפילו וועגען א פייל אויטאָגראַפען־סנאָבען, אַז זיי קלויבען די אייטאָגראַפען פון די שאָפערס, וואָס ברענגען נחום סאָקאָלאָוו'ן אינ'ם קאָנגרעס־בנין, אַז מ'שמועסט מאַניאַקען — איז דאָך נישט שייך...

איינער א פיהרער פון די רעוויזיאָניסטען, גיט מען איבער, זאָל האָבען בעשלאָסען אויף דעם קומענדיגען קאָנגרעס מיט זיך מיטצוברענגען א בעל געדרוקטע אויטאָגראַפען זיינע, און אַזוי אַרום נישט „בעלעסטיגען" זיין פיהרערישע האַנד, וואָס קען דאָך צונוץ קומען צו מעהר וויכטיגע אַקציעס...

דריי חדשים ארעסט פאר וועלען פאטשען א לעהרער

סענסאציאנעלער פראצעס פון א שילער. — גאכוועהנישען פון די מאטורע-עקזאמענס

(פון אונזער ביאליסטאקער קארעספאנדענט א. מ. טושאנאוויטש)

ערב דעם אנהויב פון נייעם שול-יאהר האט מען די ביאליסטאקער שול-יוגענד און אויך די עלטערן מבהל געווען מיט זעהר א סענסאציאנע-לען פראצעס.

ביים סוף פון אלטען שול-יאהר בעת מ'גיט אב די מאטורע-עקזאמענס, האט אין ביאליסטאק פאסירט א זעהר אויסטערלישער פאל.

ווי בעקאנט האט מען היי-יאהר נישט עק-זאמינירט די שילער אין יעדער גימנאזיע בעזונ-דער.

דאס קוראטאריום האט געוואלט איינשפא-רען די הוצאות און זי האט פעראררדענט, אז אלע שילער פון אלע גימנאזיעס, דארפען זיך צונויפ-קלויבען אין בנין פון דער 2-טער מלוכה-גימנא-זיע וואו אלע וועלען גלייכצייטיג עקזאמינירט ווע-רען. אזוי ארום האט די עקזאמינאר-קאמיסיע גע-האט איין פארזיצער פאר אלע גימנאזיעס.

טרעפט זיך א מעשה, אז א געוויסער שילער רחמיאל ארלאווסקי פון הי' ביאליסטאקער העב-רעאישער גימנאזיע האט בעת די עקזאמענס גע-כאפט א שמועס מיט זיינעם א חבר. דער פאר-זיצער האט איהם א פאר מאל אויפמערקזאם גע-מאכט און צום דריטען מאל האט ער איהם בע-זייטיגט פון די עקזאמענס.

דאס האט זעהר שטארק געווירקט אויפ'ן שי-לער. א גאנצען מעת-לעת האט ער נישט געגע-סען און אויף איבערמארגען אינדערפריה איז ער אוועק אין דער גימנאזיע און געבעטען דעם פאר-זיצער (פראפעסאר אויסמאנד), אז ער זאל איהם צוריק צולאזען צו די עקזאמענס. ווען דער פרא-פעסאר האט איהם אבגעזאגט, האט ער אויפגע-הויבען די האנד און איהם געוואלט דערלאנגען א פאטש... דער פראפעסאר האט זיך פערשטעלט מיט דער האנד דאס פנים און ער האט געקרי-גען א לייכטען קלאפ אין דער האנד.

גלייך האט מען וועגען דעם געמאלדען דער פאליציי, מ'האט דעם שילער פערהאלטען און נאכ-דעם, ווי ער איז אבגעזעסען א פאר טעג אין ארעסט האט מען איהם בעפרייט און אנגעקלאגט אין געריכט.

פארגעסטערן דעם 18-טען ה. ח. פאר'ן אנ-הויב פון די שול-למודים איז דער פראצעס פאר-געקומען.

דער גרויסער אינטערעס צו דעם היזיגען פראצעס איז ממש נישט צו בעשרייבען.

אלס עדות זענען ארויסגערופען געווארען קו-דם-כל דער בעשולדיגטער אליין ד. ה. פראפעסאר אויסמאנד, די שילער פון דער העברעאישער גימ-נאזיע און די לעהרער מיט'ן דירעקטאר בראוש.

דער געשולדיגטער האט קיין סך נישט מחדש געווען. ער האט דערצעהלט, דאס וואס ס'איז פאר-האן אין בעשולדיגונגס-אקט. ער האט נאר צוגע-געבען, אז דער שילער האט זיך חוצפה'דיג פער-האלטען און לאנג האט געדויערט ביז דער ריכ-טער האט דעם פראפעסאר איבערצייגט, אז חוצ-פה איז דא נישט געווען. אין ערנסטען פאל איז דא געווען נישט געהארכזאמקייט.

די שילער האבען דערצעהלט, אז דער בע-שולדיגטער איז לעצטענס זעהר דענערווירט, צו די עקזאמענס האט ער זיך שטארק צוגעגרייט, ער האט געארבייט צו 18 שעה אין א מעת לעת און דאס דערווייטערן איהם פון די עקזאמענס האבען אויף איהם דעריבער זעהר שטארק גע-ווירקט.

כמעט דאס זעלבע האבען געזאגט די לעה-רער מיט'ן דירעקטאר. אלע האבען אונטערגע-שטראכען, אז דער בעשולדיגטער איז געווען א גרויסער מתמיד און זעהר א געהארכזאמער שי-לער. נאכ'ן אינצידענט האט ער טאקע שווארץ חרטה געהאט, ער איז געקומען צום דירעקטאר און ביטער געוויינט פון חרטה.

א שטארקען רושם האט געמאכט דאס עדות זאגען פון זיין מוטער.

זי דערצעהלט, אז גרויס צער האט ער גע-האט בעת מ'האט איהם דערווייטערט פון די עקזאמענס. ער האט נישט געגעסען און איז נישט געשלאפען.

נאכ'ן עדות פערהער האבען זיך אנגעהויבען די רעדעס פון די צדדים.

דער פראקוראר, איז מודה, אז דער גאנצער ענין איז זעהר א פייליכער און א פערפלאנטער-טער. פון איין זייט האבען מיר פאר זיך א פרא-פעסאר מיט אזא גרויסען צוטרוי פון דער רעגי-רונג, ווייל איהם האט מען דאך, בעשטימט פאר'ן פארזיצער פון דער עקזאמינאר-קאמיסיע און איהם האט מען אזוי טיף בעליידיגט.

פון דער אנדערער זייט האבען מיר פאר זיך א שילער, וועלכער האט געלעכצט נאך א דיפלאם, כדי ער זאל קענען ווייטער שטודירען און דא האט מען איהם זיין קאריערע צובראכען, אבער קומט דער פראקוראר צום אויספיהר, אז א דיפלאם דארף מען בעקומען לעגאל און נישט מיט אזעלכע וועגען. ער פאדערט דעריבער די כאטש האר[ב]סטע שטראף למען ישמעו ויראו...

א פרעכטיגע רעדע האט געהאלטען דער אד-וואקאט ד"ר. זשעמעלסקי (געוו. וויצע-פרעזידענט פון דער שטאדט ביאליסטאק) ער שילדערט די שילער-יאהרען, וואס פאר א ענויים און יסורים די שילער דארפען אויסשטעהן, בעת ס'קומט צו די עקזאמענס.

דער בעשולדיגטער איז שוין אומגליקליך אויף זיין גאנץ לעבען, די טירען פון די ביל-דונגס-אנשטאלטען זענען שוין פאר איהם געשלא-סען. ער וועט שוין נישט דערגרייכען צו זיין ציל און ער וועט זיך מוזען נעהמען צום האנדעל-וואנדעל.

דער אדוואקאט בעט דעריבער אז מ'זאל דעם בעשולדיגטען בעפרייען.

לאנג האט געדויערט דער ישיבה-הדעת פון געריכט און ענדליך איז ארויסגעטראגען געווארען פאלגענדער פסק-דין.

דער שילער ירחמיאל ארלאווסקי ווערט פער-משפט אויף 3 חדשים אונבעדינגטען ארעסט.

דער פסק-דין האט געמאכט זעהר א שטארקען רושם אין שטאדט.

געשטארבען דער בעקאנטער יודיש-אונגארישער דעמאקראטישער פאליטיקער ד"ר. מארצעל באראקס

בודאפעשט (יט"א). דא איז געשטארבען אין עלטער פון 68 יאהר דער געוו. דעפוטאט און בעקאנטער דעמאקראטישער פאליטיקער ד"ר. מאר-צעל באראקס. ד"ר. באראקס האט געהערט אויך צו די בעריהמטעסטע אונגארישע אדוואקאטען און רעדנער און האט זיך זיינערצייט בעריהמט געמאכט מיט זיין גרויסער פארלאמענט - רעדע געגען נומערוס קלאוזוס.

דער פערשטארבענער איז געווען וויצע-פרעזעס פון דער בודאפעשטער אדוואקאטען-קאמער און לעבענסלענגליכער ראטמאן פון בודאפעשט.

2 יאהר תפיסה פאר „גרויל-פראפאגאנדע“

בערלין (יט"א). דאס זאנדער - געריכט אין ברעסלוי האט פער'משפט דעם 60-יעריגען שפראך-לעהרער הארי דיאמאנט, א רומענישען בירגער, אויף 2 יאהר תפיסה אונטער דער בעשולדיגונג פון פיהרען גרויל-פראפאגאנדע. נאכ'ן אבזיצען די שטראף וועט דיאמאנט דעפארטירט ווערען פון דייטשלאנד.

אויך עהרען-בעאמטע מוזען בעווייזען זייער ארישע אבשטאמונג

בערלין (יט"א). דער פרייסישער אינערן-מיניסטער שטעלט - פעסט אין א צירקולאר, אז די פעסטשטעלונג פון דער ארישער אבשטאמונג איז נויטיג אויך ביים בעשטימען געמיינדע-בע-אמטע. דערביי מוז דער קאנדידאט אויף דעם אמט בעווייזען אויך די ארישע אבשטאמונג פון זיין פרוי. ווען א בעאמטער וויל חתונה האבען מוז מען אויך פעסטשטעלען די ארישקייט פון זיין כלה.

ווען עס ענטשטעהט א ספק דארפען צוגע-שטעלט ווערען דאקומענטען וועגען די זיידעס און באבעס.

דיזעלבע כללים פערפליכטען אויך ביי בע-שטימען נישט בלויז געוועהלטע בעאמטע, נאר אויך עהרען - בעאמטע.

פראגע פון שמירת-שבת אין א"י

ירושלים (יט"א) דער הויך-קאמיסאר גענע-ראל סער ארטור וואוקאפ האט אויפגענומען א דעלעגאציע אין די פערזאנען פון י. בן-צבי, מאיר דיזענגאף, הרב-הכולל קוק, הרב עוזיאל און הרב ארטאנאן, וועלכע האבען בעגרינדעט די פאדע-רונג ארויסצוגעבען א געזעץ, וואס זאל רעגולירען די פראגע פון שמירת-שבת אין א"י, בעזונדערס אין תל-אביב.

פון ביכער-טיש

מיט'ן נייעם שול-יאהר ענטשטעהט די אלטע פראגע: וואס טוהט מען מיט די קינדער? וואס פאר א ציקונפט ערווארט זיי און צו וואס וועלען זיי זיך נעהמען נאכדעם. ווי זיי וועלען דורכמאכען דעם שול-קורס? די אלטע יודישע פראגע וועגען א תכלית פאר די קינדער, וואס ווערט בעזונדערס אקטועל אין היינטיגע שווערע און כמעט אויס-זיכטלאזע קריזיס-צייטען.

דר. י. ווייגבוים דער לייטער פון דעם בע-ראטונגס-ביורא פאר פאך-ארבייט ביים צ. ק. פון דער יתומים-שוץ-געזעלשאפט אין לעמבערג, גיט דערויף אנ'ענטפער אין זיין בעלעהרענדיגען בי-כעל (אויף פויליש): „וואס די יוגענד דארף ווי-סען ביים אויסקלייבען זיך א פראפעסיע“ (לעמ-בערג, 1933). ד"ר י. ווייגבוים ווייזט דא אן, צוו. אנד., אויף א רייהע פראפעסיעס, וואס די יו-גענד פערנעהמט זיך נישט מיט זיי און וואס וואלטען געקאנט ברענגען גרויס נוצען. אזוי-ארום האט דר. ווייגבוים'ס ארבייט נישט נאר א וויסענ-שאפטליך-עקאנאמישען. נאר אויך א ריין פראק-טישען ווערט פאר יודישע יוגנטליכע, ווי אויך פאר עלטערן, וואס קלערען וועגען א תכלית פאר זייע-רע קינדער. דאס בוך איז זעהר רייך מיט אינפאר-מאטיווען אינהאלט און ענטהאלט א כדבעלעדע-רעדען מאטעריאל.

ל...

א. לער

דינסט-מיידלעך

(נייער שפאנענדער ראמאן פונ'ם יודישען לעבען אין פוילען)

(פארטזעצונג 15).

אין הויף האט מען זיך שטארק גענומען גרייטען צו די ימים-נוראים.

טויזענדער חסידים פלעגען זיך צונויפפאהרען כדי זיך אויסצו-בעטען א גוט יאהר... טויזענדער מענשען און דאך איז יעדער פון זיי געווען א בעזונדערע וועלט פאר זיך.

פערשידענע מענשען מיט פערשידענע מאניערען און מיט פערשידענע מעלות אדער פעהלערען. א טייל פון זיי האבען ערנסט געגלויבט און דעריבער פלעגען זיי זיך שטארק גרייטען צו די ימים-נוראים.

פאר פיל אנדערע איז דאס קומען צום רבי'ן געווען נישט מעהר ווי א מין אורלויב, א צייט-פערטרייב, כדי פטור צו ווערען פון זיין ארירה, כדי אויסצושלאגען זיך די דאגות פון קאפ — האט מען זיך אריינגעכאפט צום רבי'ן, כדי צו זיין א פרייער פויגעל, כדי צו קענען לעבען ווי א ציגיינער.

אמבעסטען האבען זיך געפיהלט די חסידישע איידימלעך. זיי פלעגען פאראדירען אין די נייע שטריימלעך, קאקעטירען צו מייד-לעך און ווייבלעך און ווען עס פלעגט צופאלען די נאכט — זיך ארויסגנב'ענען ערגיץ הינטער'ן שטעדטעל און קויפען ליבע...

געווען זענען אויך חסידים, וועלכע מען האט גערופען „גוואר-דיסטען“. אזעלכע פלעגען קומען צו פאהרען ערב ראש השנה און אוועקפאהרען ערשט נאך די ימים-נוראים.

פאר זיי האבען אלע דרך-ארץ געהאט. מיט אזעלכע חסידים האט מען זיך גערעכענט, מען האט געוואוסט, אז אפילו דער רבי אליין רעכענט זיך שטארק מיט זיי און בעמיהט זיך קודם-כל זיי אויפצונעהמען ביים שלום-נעהמען.

די „גווארדיסטען“ האט מען געקענט איינטיילען אין צוויי קא-טעגאריעס: רייכע און ארימע.

די ארימע פלעגען קומען צו פאהרען אהן א פרוטה אין קע-שענע. געשלאפען איז מען אויפ'ן בוידעם, געגעסען האט מען די רעשטלעך פון טיש אדער ווען א רייכער חסיד האט געהייסען עפעס דערלאנגען.

די רייכע האבען געלעבט ווי אין א פענסיאנאט. מען האט זיך אבגעדינגען אין גאר-קיך אדער אין א האטעל און מען האט געגע-סען געטרונקען און געלאזט זיך וואוילגעהן.

צו די רייכע „גווארדיסטען“ האט אויך געהערט ר' ברוך לייזער.

ר' ברוך לייזער האט שטארק געהאלטען פון א גוטער סעודה. פלעגט ער איינשטעהן אין בעסטען האטעל און עסען אין דער בעסטער גאר-קיך.

ר' ברוך לייזער פלעגט קומען כמעט אויף יעדען שבת, ספע-ציעל האט ער זיך געלאזט וואוילגעהן אין די ימים-נוראים.

ערב ראש-השנה פלעגט ער קומען צו פאהרען און אהיימפאה-רען — נישט פריהער ווי נאך יום-כפור.

פיסט און פאסט פלעגט ער ארומבלאנקען אין אלע ווינקעלעך און אומעטום אריינשטעקען די נאז זיינע.

געוואוסט האט מען, אז ר' ברוך לייזער איז נישט אזוי איי-איי. מען פלעגט דערצעהלען וועגען איהם גאר-נישט קיין שענע מעשיות, נאר געשעפעט האט מען איהם נישט, ווייל דער הויף האט פון איהם שטארק געהאלטען.

מען האט זאגאר דערצעהלט, אז איינמאל אין סאמע שבת-תשובה האט עמיץ געזעהן ביי איהם אין צימער, נאר מען האט געהייסען די געשיכטע פערשווייגען. מאמער האט עמיץ גע-פרובט אויסצופלוידערן, האט זיך געהערט א שטימע פון דער זייט:

— שפיל זאל זיין דו מחוצף אייגער! אויף ר' ברוך לייזער'ן געהסטו אויסטראכטען א בלבול?

אזא כח האט ער געהאט, ר' ברוך לייזער, אלע האט מיט איהם געהאלטען, מען האט נישט געלאזט אויף איהם פאלען קיין פגם.

דאסמאל, אז ער איז געקומען צו פאהרען, איז ער געווען אויס-טערליש ווילד. ווען כ'האב זיך מיט איהם בעגעגענט בעת ער איז אריין אין קיך, האבען זיינע אויגען מאדנע געגלאנצט.

האט ער מיך ציניש אנגעבליקט און נישט זאגענדיג אפילו קיין „גוט-מארגען“, האט ער מיך א שלעפ געטהון צו זיך און בעפעהלעריש א זאג געטהון:

— זאג נאר, דערלאנג מיר נאר א שעפ וואסער!

האט ער זיך געוואשען די הענד, מיט פערגלאצטע אויגען האט ער געזאגט „אשר יצר“ און נאכהער צוגעגאנגען נעהנטער צו מיר:

— זאג נאר, ביילע, היינט אין אוונט וועסטו האבען צייט?

— אקעגען וואס פרעגט איהר, ר' ברוך לייזער?

— כ'וויל היינט מקיים זיין דאס, וואס כ'האב דיר צוגעזאגט

— האט ער מיט א פערגלאצטען שמייכעל א זאג געטהון: — גע-דענקסטו וואס כ'האב דיר צוגעזאגט?

— כ'געדענק ר' ברוך לייזער, כ'געדענק.

— וויל איך דיר היינט געבען א טייל געלד, כדי זאלסט גלייך נאך יום-טוב עס אהיימשיקען דעם מאמען.

— לאנג לעבען זאלט איהר דערפאר ר' ברוך לייזער.

— ווינשען וועסטו מיר שפעטער אבער דערווייל זאג איך דיר איינס: וועסטו אפילו א פיפס טהון, אז כ'האב דיר געגעבען געלד, וועסטו מעהר קיין גראשען נישט אנזעהען.

— חלילה וחס ר' ברוך לייזער.

האט ער מיך אנגענומען ביי א האנד, געשלעפט צו זיך און א מאך געטהון:

— היינט זאלסטו ארויפקומען צו מיר אין שטוב.

האב איך א צימער געטהון. כ'האב פערשטאנען וואס ער איז אויסען מיט דער איינלאדונג. נאר כדי איהם נישט אריינצוברענגען אין כעס, האב איך א שאקעל געטהון מיט'ן קאפ.

— וועסטו קומען? — האט ער איבערגעפרעגט.

— יא.

— ביזט א וואויל מיידעל. קום צוגעהן וועל איך דיך וואויל בעהאנדלען.

און כדי מיך צו בערוהיגען האט ער זיך געגרויסט:

— דו ווייסט דאך, אז ברוך לייזער איז אנ'ארענטליכער מענש. יא צי ניין?

— געוויס.

האט ער מיך א נעהם-געטהון ביים בוזים, כ'האב אזש געפיהלט א ווערטאג. דערנאך האט ער מיר א גליטש געטהון ביים האלז און צוגעגעבען:

— ביזט א וואוילע מויד, ס'וועט דיר נאך גוט זיין.

און ער איז ארויס.

בין איך געבליבען אין א פערלעגענהייט: זאל איך געהן צו איהם? איך ווייס דאך — האב איך געטראכט — ווער ר' ברוך לייזער איז און וואס ער איז אויסען, זאל איך זיך לאזען אויף אזא וועג?

זאל מען זאגען — האב איך ווייטער געטראכט, אז ער וועט מיר געבען א ביסעל געלד. פערשטעהט זיך, אז דאן וועל איך נישט קענען זיך אקעגענשטעלען זיין ווילען. זאל איך זיך לאזען אויף אזא וועג? זאל איך, צוליב געלד, ווערען די געליבטע פון אזא אלטען עולם הזה'ניק?

און אפשר זאל איך גארנישט געהן צו איהם? אפשר זאל איך איהם מוחל זיין דאס געלד מיט זיינע גאלדענע צוזאגען? איז דען געלד דאס גאנצע גליק? זאל איך זיך אזוי ערנידריגען בלויז דערפאר וואס איך בין אנ'ארעם מיידעל?

און פארוואס זאל איך נישט געהן — האט מיך געפייניגט אנ'אנדערער געדאנק.

(פארטזעצונג קומט).

דער „פעלקישער בעאבאכטער" וועגען ציוניזם און ציוניסטישען קאנגרעס

בערלין, (יט"א). אין צוזאמענהאנג מיט'ן ציוניסטישען קאנגרעס פערעפענטליכט דער „פעלקישער בעאבאכטער" אנ'ארטיקעל, אין וועלכען די צייטונג גיט אנ'איבערבליק איבער די אידעאלאגישע יסודות פון ציוניזם און די אנטאגאניזמען־הישע פערהעלטנישען אין ציוניזם. דער אויטאר פון ארטיקעל, לויט לענדערס, וועלכער זעהט אין קאנגרעס איינע פון די צוזייטיגסטע רעפרעזענטאנטיווע פאראנשטאלטונגען פון „אינטערנאציאנאלען (אדער אויך נאציאנאלען) וועלט-יודענטום", שילדערט אהן יעדער טענדענציעזער קריטיק די געשיכטע פון פאליטישען ציוניזם. ער בעריהרט דאן קורץ די אראבער-פראגע, פערגלייכט די בעזונדערע ציוניסטישע גרופען צום אמאליגען דייטשען פארלאמענט און דריקט אויס לסוף די מיינונג, אז הר. ווייצמאן האט גרויסע שאנסען, ווידער געוועהלט צו ווערען אלס פרעזידענט פון דער בעוועגונג.

אין דער איינלייטונג צום ארטיקעל ווערט פארגעשטעלט דער קאמף צווישען דער אסימילאציע און ציוניזם, און דער אויטאר פון ארטיקעל זאגט זיך דערביי ענטשידען ארויס געגען יענע מעטאדען, וואס זענען בעשטרעבט צו פארדעקען דעם נאציאנאלען כאראקטער פון יודענטום. אין דעם צוזאמענהאנג קריטיקירט לויט לענדערס בעזונדערס שארף די ריכטונג פון די אז. גער. „נאציאנאל-דייטשע יודען", לויט לענדערס רעדט מיט א בייסיגען ווידערווילען וועגען „דער אולטרא"-דייטשער גרופע פון דר. מאקס נאומאן און בעמערקט, אז די „אומגלומפערטע און פעדאבעטענטסווערטע צוזאמענבונדס-פרובען פון דער נאציאנאלער גרופע שיינען אפט צו זיין פון פאטאלאגישער נאטור".

וועגען די פערהאנדלונגען פון ציוניסטישען קאנגרעס גופא זענען ביז־איצט אין די גרויסע דייטשע בלעטער ערשינען בעריכטען אין „דייטשער אלגעמיינער צייטונג", „פראנקפורטער צייטונג", „פאסישער צייטונג" און „בערלינער טאגעבלאט".

דייטשע אמבאסאדע אין אמעריקא זאגט זיך אב
איבערצושיקען דעם פרעז. הינדענבורג אנ'אפעל פון יודיש-אמעריקאנער קאנגרעס

ניו-יארק, (יט"א). די דייטשע אמבאסאדע אין וואשינגטאן האט זיך אבגעזאגט איבערצושיקען דעם פרעזידענט פון דייטשען רייך הינדענבורג דעם אפעל, וועלכער איז איבערגעגעבען געווארען דעם אמבאסאדאר דורך דעם יודיש-אמעריקאנער קאנגרעס און אין וועלכען פרעזידענט הינדענבורג ווערט געבעטען צו אינטערווענירען כדי אבצושטעלען די רדיפות פון די יודען אין דייטשלאנד.

אין רעזולטאט פון דעם אבזאג האט דער פרעזידענט פון יודיש-אמעריקאנער קאנגרעס בערנארד דויטש איבערגעשיקט א בריף דעם דייטשען אמבאסאדאר אין וואשינגטאן דר. לושער, אין וועלכען ה' דויטש דריקט אויס די מיינונג, אז דער אבזאג פון דער אמבאסאדע איז עלול צו פערשטארקען די אינפארמאציעס, לויט וועלכע פרעזידענט הינדענבורג ווערט נישט אינפארמירט וועגען דעם, וואס געשעהט אין דייטשלאנד.

נאך דער פערעפענטליכונג פון ה' דויטש'ס בריף האט די דייטשע אמבאסאדע אין וואשינגטאן בעשטעטיגט, אז זי האט זיך אבגעזאגט ווייטער צו שיקען צום פרעזידענט הינדענבורג דעם מעמאריאל, וועלכער איז אויסגעארבייט געווארען דורכ'ן יודיש-אמעריקאנער קאנגרעס אויף זיין לעצטער סעסיע.

די דייטשע אמבאסאדע זאגט זיך אב אנצוגעבען, וועלכע עס איז מאטיווען פון איהר האנדלונג אדער אנצונעהמען שטעלונג צו דער בעשולדיגונג פון ה' דויטש וועגען דעם, אז הינדענבורג ווערט נישט אינפארמירט וועגען די געשעהענישען אין דייטשלאנד.

דער יודישער באיקאט-קאמף געגען היטלער-דייטשלאנד
פירמעס, וועלכע ברעכען דעם באיקאט, וועלען געשטעמפעלט ווערען

פון די סוחרישע קרייזען מעלדעט מען, אז אלע פראנצויזישע זענען צוגעשטאנען צו דער פראקלאמירטער באיקאט-אקציע אויף דייטשע סחורות. אנ'אויסנאהם שטעלט מיט זיך פאר בלויז די פוטער-פראנצויזישע, וועלכע שטעלט לייגער די פערזענליכע אינטערעסען העכער פון טובת-הכלל. דער דאזיגער פאקט האט אין דער סוחרישער וועלט ארויסגערופען גרויסע אויפרעגונג און פערביטערונג. די יודישע סוחרים-קרייזען ווייזען אן, אז אין דער צייט, ווען די היטלערישע רוצחים פערפייניגען שוצלאזע יודען, ארויסרייסענדיג ביי זיי דעם לעצטען ביסען ברויט פון מויל, געפינען זיך נאך יודישע פירמעס, וועלכע האלטען אן האנדעלס-בעציהונגען מיט די היינטיגע פארבארען.

די שטעלונג פון די פוטער-סוחרים איז נאך מעהר אויפפאלענד דערמיט, וואס די זעלבע סחורות קאן מען פאר די זעלבע פרייזען בעקומען ביי יודישע פירמעס אין לאנדאן און פאריז. עס ווערט דעריבער אין די סוחרישע קרייזען אלץ נאכדרינגליכער געפאדערט, אז אויב די פוטער-פראנצויזישע וועלען ווייטער בעציהען סחורות פון דייטשלאנד, וועט מען די ענטשפרעכענדע פירמעס פערעפענטליכען אין דער פרעסע, שטעמפלענדיג זיי אלס פעררעטער.

לויט די ערהאלטענע ידיעות מעלדען זיך נישט קיין שום יודישע פירמעס אויף די לייפציגער און קעניגסבערגער ירידים. האנדלער קומען מאסענווייז אן צו די פערוואלטונגען פון די מעסעס בריף פון יודישע און נישט-יודישע פירמעס, וועלכע פראטעסטירען שארף געגען די אונערהערטע בארבאריזמען. וואס ווערען אנגעווענדעט לגבי דער יודישער בעפעלקערונג אין דייטשלאנד. אין לייפציג און אין קעניגסבערג הערשט א געדריקטע שטימונג צוליב דעם אונערפאלג פון די ירידים אלס פועל-יוצא פון דער ענטשידענער-געגנערישער שטעלונג פון יודישען סוחרטום.

געהיימניספולער טויט פון א 16-יעהריג מיידעל
מ'האט זי געפונען טויט אין פעלד

ביעלסק, (ספעציעל). אין א דארף נעבען ביעלסק איז ערמארדעט געווארען די 16-יעהריגע אניעלא וויקרענט און וועגען איהר מארד האט מען זיך דערוואוסט אויף גאר אנ'אריגינעלען אופן.

אניעלא האט געפאשעט א קיה אויפ'ן פעלד. עהערגעכטען איז די קיה געקומען צו לויפען א היים און שטארק געברומעט. די עלטערן פונ'ם מיידעל, זעהענדיג, אז די קיה ברומעט און זייער טאכטער איז נישטא, זענען ארויס אין פעלד זי זוכען.

ס'האט נישט לאנג געדויערט און מען האט זי געפונען ליגען אין קשאקעס טויט. עס ווערט געפיהרט אנ'אויספארשונג ווער ס'איז דער מערדער.

ווי געפעלט אייך אזא קאסירער?

דאס קרייז-געריכט האט פער'משפט אויף אנדערטהאלבען יאהר תפיסה דעם געוו. קאסיר פון „ארבים", וואצלאוו ביעלעצקי, פאר בעשווינדלען 5 טויזענד זל. פון „ארבים".

ביעלעצקי האט זיך מודה געווען און ערקלערט, אז דאס געלט האט ער פערשפילט אויף די וויש־טשיגעס.

נייע 10 זלאטי-מטבעות

ווי מיר ווערען געוואהר, גרייט זיך איצט דאס פינאנץ-מיניסטעריום ארויסצוגעבען נייע זילבערנע 10-זלאטע מטבעות.

נישט קוקענדיג דערויף, וואס די נייע מטבעות וועלען ארויס אין פערקעהר. האבען וועלען די ביז-איצטיגע ווייטער גילטיג זיין.

לייענט דעם

יודישען קוריער

הונדערטער יודישע קינדער
זענען איבערגעפיהרט געווארען אין קריסטליכע שולען

כמעט אין אלע ווארשעווער שוהלען, בתי־מדרשים און חסידים-שטיבלעך, האט זיך נעכטען געזאמעלט צוליב דעם, וואס הונדערטער יודישע קינדער זענען נעכטען געצוואונגען געווארען צו שרייבען אום שבת.

ווי בעוואוסט, זענען דאס יאהר נישט געעפענט געווארען קיין נייע פאלקסשולען פאר יודישע קינדער. הונדערטער יודישע קינדער זענען צוליב דעם אריבערגעפיהרט געווארען אין די נישט־יודישע שולען. די אלע קינדער זענען געצוואונגען צו שרייבען אום שבת, האט דאס ארויסגערופען א פערשטענדליכען פערדרוס ביי די הונדערטע פרומע יודען.

די אויפרעגונג האט זיך אבגערופען אין די שוהלען, שטיבלעך און איז געווען געווענדעט געגען דער קהלה און ראבינאט, וועלכע שווייגען און די לעצטע טעג, הגם ביי א גומען ווילען וואלט מען געקענט די היינטיגע גזירה בעזייטיגען.

א צוזאמענפאהר אין סוחרים - פעראיין

אין לאקאל פון צענטראלען סוחרים-פעראיין איז אין די לעצטע טעג פארגעקומען אנ'אלפוילישער צוזאמענפאהר פון עקספארטערען און אימפארטערען פון קישקעס צו וואורשטען.

אין צוזאמענפאהר האבען זיך בעטייליגט פארשטעהער פון דער האנדעלס-קאמער, און פון שטאדטישען שעכט-הויז.

דער ציל פון דעם צוזאמענפאהר, איז געווען צו נעהמען א שטעלונג צו די פערשידענע פראיעקטען פון רעארגאניזירען דעם האנדעל מיט קישקעס.

אין דער דיסקוסיע האבען זיך בעטייליגט די ה"ה מאכראק, לוקסענבורג, מילשטיין, באדעוויטש, שעכטער, הייבלום, הערשליקאוויטש און חאביכאוויטש.

דער צוזאמענפאהר האט אנגענומען א גאנצע רייהע בעשלוסען, אויף וועלכע יסודות עס זאל רעארגאניזירט ווערען דער מסחר מיט קישקעס.

די פירשטין וואראניעצקא בעט מען זאל זי בעגנעדיגען

אין נאמען פון דער יונגער פירשטין ווארא־נישצקא, וועלכע קומט אב א שטראף פון 3 יאהר תפיסה פאר ערמארדען דעם סוחר פרוגא באיי, האט זיך די פאמיליע איהרע געווענדעט מיט א בקשה צום מלוכה-פרעזידענט, אז ער זאל שענקען די פירשטין די רעשט שטראף.

די בקשה וועט, ווי עס פיהרט זיך, איבערגעשיקט ווערען אין געריכט, כדי די ריכטער זאלען ארויסזאגען זייער מיינונג און נאכהער וועט די מיינונג צוזאמען מיט א מיינונג פון יוסטיץ-מיניסטער איבערגעשיקט ווערען צום מלוכה-פרעזידענט.

א האלבען מיליאן קילאמעטער איז ער שוין דורכגעפלויגען
אריגינעלער באנקעט פאר א לופט-פליהער

אין ווארשא איז שהערנעכטען פארגעקומען אנ'אריגינעלער באנקעט.

דער באנקעט האט מען געפראוועט לכבוד דעם פראפעסיאנעלען לופט-פליהער יוזעף יאקובאווסקי, וועלכער איז אנגעשטעלט אלס פילאט ביי דער לופט-פליה געזעלשאפט „לאט".

דער באנקעט איז איהם געפראוועט געווארען דערפאר, ווייל ער איז בו זאיצט דורכגעפלויגען א האלבען מיליאן קילאמעטער אין דער לופט, וואס בעטרעפט מעהר ווי 10 מאל פליהען ארום דער וועלט.

דער יובילאר פיהלט זיך פריש און געזונד און טאג-טעגליך פליהט ער מיט פאסאזשירען אדער פאסט קיין דאנציג אדער קיין לעמבערג און צוריק.

דער „לופט-מיליאנער" האט אין א געשפרעך מיט זשורנאליסטען ערקלערט, אז אויב א מענש וויל זיין פריש געזונד, דארף ער כסדר פליהען אין דער לופט.

צי מעג מען אויסבעהאלטען דעם אייגענעם אדרעס?
א ווארשאווער איינוואוינער האלט, אז יא

א ווארשאווער איינוואוינער האט זיך געווענדעט מיט א בקשה צום אדרעסען-ביורא, אז כאטש ער וועט זיך ווער נאכפרעגען אויף זיין אדרעס, זאל מען עס יעמאנד נישט ארויסגעבען.

די בקשה זיינע, האט דאס אדרעסען-ביורא נישט דערפילט און ווען א געוויסע פערזאן איז געקומען פרעגען, האט מען איהם דעם אדרעס ארויסגעגעבען.

צוליב דעם, האט דער געליטענער אנגעקלאגט דאס אדרעסען-ביורא אין געריכט, אנווייזענדיג, אז די פערזאן, וועלכע האט ארויסבעקומען זיין אדרעס האט איהם אויסגענוצט צו זיין שאדען.

ווייטער שרייבט ער אין זיין אנקלאגע, אז לויט דער קאנסטיטוציע האט יעדער מענש דאס רעכט אויסצובעהאלטען זיין אדרעס פאר זייטיגע מענשען, ווייל זיין דירה איז זיין אייגענטום.

אזוי ווי דאס אדרעסען-ביורא איז איבערגעשטיגען די קאמפעטענץ, מאהנט ער דעריבער ענטשעדיגונג.

דער דאזיגער היפאטעטיש-נאציאנעלער פראצעס וועט באלד בקרוב בעטראכט ווערען דורכ'ן געריכט.

עס איז כדאי צוצוגעבען, אז אין פראנקרייך, למשל, וועט דער מאגיסטראט נישט אויסגעבען קיינעמ'ס אדרעס, סיידען דער איינוואוינער וועט־דעט זיך צום ספעציעלען אדרעסען-ביורא און בעט מען זאל זיין אדרעס איינגעבען אויב עמי־צער וועט זיך פרעגן.

---

8 יאהר תפיסה פאר דערטרינקען אנ'אייגענעם זוהן

א קאלאכאליער פעראינטערעסירונג האט ארויסגערופען דער פראצעס פון שמואל אינגער פון קלימענטאוו, וועלכער איז בעשולדיגט געווארען אין אויפהענגען זיין 20-יעהריגען זוהן שלמה.

די אויספארשונג האט פעסטגעשטעלט, אז שמואל אונגער האט דערשטיקט דעם זוהן, דערנאך אבגעהענגט אויף וואגעלע און ארויסגעפיהרט דעם טויטען קערפער הינטער דער שטאדט.

שמואל אונגער האט זיך מודה-געווען, אז געטהון האט ער דאס צוליב דעם וואס דער זוהן האט איהם געשלאגען און נישט געוואלט פאלגען. איינמאל האט דער זוהן גענומען א האק און זיך געווארפען אויף איהם, גראדע האט דער זוהן דאן געטראגען א שטריקעל אויפ'ן האלז, האט ער א ציה געטהון ביים שטריקעל און דער זוהן איז דערשטיקט געווארען.

דאס געריכט האט דעם מערדערליכען פאטער פער'משפט אויף 8 יאהר תפיסה.

פאר א רעוואלוציע ביי די ציגיינער
די „קראמאלע" וויל אראבווארפען דעם קעניג פון טראן

אין „קעניגליכען" הויף פון די ציגיינער איז איצט גאר נישט היימליך.

ווי בעקאנט איז סטעפאן קוויעק, דער קעניג פון די ציגיינער אין פוילען. האט מען געגלויבט, אז ער איז אזוי מעכטיג, פונקט ווי ס'איז אמאל געווען מעכטיג דער צאר-באטיושקא.

ווייזט זיך ארויס, אז אויך ביי די ציגיינער זענען פאראן „קראמאלניקעס" און זיי ווילען דעם „קעניג" זייערען נישט אנערקענען.

איצט איז צו דער פוילישער מאכט איינגעפלאסען אנ'אנקלאגע פונ'ם ציגיינער פיהרער, אדוואס נאמאן, וועלכער בעקלאגט זיך, אז דער „קעניג" טעראריזירט איהם און מיט זיינע אנהענגער. לעצטענס זענען דעם „קעניג'ס" מענשען איהם בעפאלען און בערויבט.

פאליציי פיהרט אנ'אויספארשונג, אבער עס ווערט קלאר, אז עס הויבט זיך אן א קאמף צווישען „קעניג" מיט די „קראמאלניקעס".

אונזער ספארט-עקספרעס

וועכענטליכע ספארט-ביילאגע

צוזאמענגעשטעלט דורך ש. טראקענהיים

די מכבי'אדע אין פראג

די מכבי-שפילן אין פראג, וועלכע דארפן זיין א פארבערייטונג צו דער אמת'ער „מכביאדע" אין יאהר 1935, גיהען אדורך אין פראג מיט א קאלאסאלן אינטערעס, ווי מען האט געמיינט.

דער ציוניסטישער קאנגרעס האט געמאכט פון דער „מכביאדע" א צווייטראנגיגע אימפרעזע. דערצו נאך איז די „מכביאדע" אין פראג געווארן ארגאניזירט אין משך פון איין איינציגן חודש, האט הייסט פיל צו ווייניג אויף צוצוגרייטן א געהעריגע פעראינטערעסירונג.

דאס שטעמפעל פון דער ארבייט האט געטראגן דעם „קוראטאר" פון דער „מכביאדע", ה' סאחאטשקי, צו ארגאניזירן א ביזחא פון 50 מענשן, וועלכע קאנען זיך קוים אנ'עצה געבן מיט די אלע שוועריגקייטן פון אזא גרויסער אימפרעזע.

מיר מוזן דאך געדענקען, אז 900 ספארטלער מיט 100 ריכטער און 50 פיהרער פון די פערשידענע עקספעדיציעס זיינען אנגעקומען קיין פראג און עס איז שוין א שווערע זאך די דאזיגע 1000 מענשן בלויז אויפצונעמען און געפינען פאר זיי פאסיגע וואוינונגען.

די ארגאניזאטארען פון דער „מכביאדע" רעכענען זיך מיט א גרויסן דעפיציט פון דער גאנצער אימפרעזע. די אויסרעכענונגען האבן דערוויזן, אז דער דעפיציט דארף בעטרעפן ביז 100 טויזענד קראן. עס איז נאר א פראגע צי דער פארגענומענער ציל וועט דערגרייכט ווערן, ד.ה. צי עס וועט מאכן געלונגען איבערצייגן דער וועלט, א זרעער רעזאנאנס פון דער יודישער פיזישער ענטוויקלונג איז באמת אויף א גוטן וועג.

די גרעסטע פאפולאריטעט האט די מאנשאפט פון ארץ-ישראל. און דאס איז אויך פערשטענדליך. דאס זענען דאך די ריכטיגע יודען, וועלכע לעבן מיט א גאנץ אנדער לעבן, ווי מיר, אין די גלות-לענדער. אבער דער פאוואריט אלס זיגער פון דער „מכביאדע" איז נישט די פאלעסטינער מאנשאפט, דער פאוואריט איז — פוילן. זי האט צוגעשיקט איינע פון די גרעסטע מאנשאפטן און דערצו איז די מאנשאפט אין אנ'עטליכע קאטעגאריעס פון ספארט ווירקליך שטארק.

א גרויסע ענטוישונג האט געבראכט דאס נישט אנקומען פון דער דייטשער רעפרעזענטאנץ. אלע פארמאליטעטן זענען געווען ערלעדיגט, אבער אין דער לעצטער מינוט האט די היטלער-רעגירונג אין דייטשלאנד צוריקגעצויגן די ערלויבניש ארויסצופאהרן פון לאנד.

איין זאך איז אויף דער „מכביאדע" זעהר שוואך בעוואוסט. דאס איז די פרעסע-איינפארמאציע. מען מוז זוכן די רעזולטאטן פון די קאנקורענצן און קיינמאל קאן מען נישט וויסן צי זיי זענען ריכטיג אויפגעגעבן געווארן.

דער פעהלער פון דער ערשטער „מכביאדע" אין ארץ-ישראל און פון דער „ווינטער-מכביאדע" אין זאקאפאנע איז ווידער איבערגעחזר'ט געווארן. און עס איז א גרויס וואונדער. מען האט אזא טעלעגראפישע אגענץ, ווי יט"א, מען ווייסט גאנץ גענוי, אז נאר די פרעסע קאן פערשפרייטן די ידיעות וועגען דער גרויסער ענטוויקלונג פון יודישן ספארט און דאך שעצט מען עס אזוי גרינג. עס איז דערטאנגען אזוי ווייט, אז די פוילישע קארעספאנדענטן האבן געשיקט אנ'איינגענע פרעסע-ביורא, וועלכע ווערט אנגעפיהרט דורך דעם רעד. קעניג פון לעמבערג. זעהט אויס, אז ביי אביסעל גוטן ווילן קען מען אלץ מאכן! מען דארף נאר פערשטעהן די נייטווענדיגקייט און האבן א ביסעל גוטן ווילן.

ש. ט.

ידיעות פון דער מכבי'אדע

פרויען טעניס-מייסטער פון דער מכבי'אדע

אין לאנדער-קאמף האט זיך געטראפן טשעכיען מיט ענגלאנד. געזיגט האט טשעכיען, שלאגענדיג דעם שטארקן געגנער 1:2. די רעזולטאטן זענען פאלגענדע: קליין (טשעכיען) — ווייט (ענגלאנד) 2:6, 2:6. פרען (ענגלאנד) — העכט (טשעכיען) 2:6, 3:6. העכט, קליין — פרען, ווייט 1:6, 4:6.

אין אינדיווידועלען טורניר האט אין פינאל שפיל פרען—העכט געזיגט פרען 2:6, 3:6, 4:6. אין האלב-פינאל איז אנגעשפילן וויטמאן, פערשפילענדיג צום „ענגלענדער" פרען 6:4, 7:5.

אין דאפעל-שפיל האט געזיגט די טשעכישע פאר העכט—קליין, שלאגענדיג די ענגלענדער פרען—ווייט 1:6, 4:6, 4:6. אויף די פינאלען איז געווען אנוועזנד דער לארד מעלטשעט.

פוטבאל.

די פוילישע רעפרעזענטאנץ האט נאך א שטארקער שפיל בעזיגט טשעכיען מיט 0:3 (0:2). מיט דעם זיג האט זיך פוילן קוואליפיצירט צו די פינאלען.

ליכטאטלעטיק

400 מעטער הערן: קעניג (עסטרייך) 50.9 סעק.

100 מעטער פרויען: 1) גאטליב 13.2 סעק. 2) פריוואלד, 3) גלאכנער. אלע דריי פון פוילען.

שפער-ווארפן פרויען: 1) יאקאבי (ענגלאנד) 35.16, 2) פליישער (רומעניען), 3) שיינמאן (פוילען).

הויך-שפרונג הערען: 1) גינסבורג (ארץ-ישראל) 1.72.

110 מעטער מיט שטערונגען הערן: 1) גינסבורג (פוילען) 17.6 סעק. 2) קאספי (פאלעסטינא) 3) גלאוויצער (פוילען) 19 סעק.

ווייט-שפרונג פרויען: 1) פריוואלד (פוילען) 4.93 מעטער, 2) גויטמאן (עסטרייך), 3) שולבאך (פוילען).

200 מעטער הערן: 1) ענגעל (טשעכיען) 22.1 סעק.

800 מעטער הערן: 1) בלעדן (עסטרייך) 9.03.4.

שפער-ווארפן הערן: 1) ווייס (טשעכיען) 46.18 מעטער.

ווייט-שפרונג הערן: 1) ד"ר סאנדער (טשעכיען) 6.36 מעטער.

דיסקוס-ווארפן פרויען: 1) יאקאבי (ענגלאנד) 33.85 מעטער, 2) בערמאן (פאלעסטינע).

3×1000 שטאפעטן-לויף: 1) עסטרייך 8.18.6, 2) טשעכיען 8.23.7.

פינג-פאנג.

אין די פינאלען האט ערליך (פוילען) בעזיגט דעם עסטרייכער ווייס 9:21, 16:21, 21:16, 11:21.

אין דאפעל-שפיל האבן ערליך—קוהל (פוילען) בעזיגט די טשעכן שעק—פליישער 12:20, 14:21, 21:26, 18:21.

פוילען — טשעכיען

דער ערשטער טאג פון שווים-מעטש

אין ערשטן טאג פון שווים-מעטש טשעכיען — פוילען איז די אלגעמיינע פונקטן-צאהל 24:24.

די טעכנישע רעזולטאטן זענען פאלגענדע:

400 מעטער פריי-סטיל הערן: 1) באבענסקי 5.32.6, 2) קארליטשעק.

100 מעטער פרויען: 1) פרודאווא 1.33.3, 2) מאראווסקא, 3) סעבאסטאווא, 4) שטשערק.

400 מעטער פריי-סטיל פרויען: 1) שראמקאווא 6.31.6, 2) קראטאכוווילא 6.35 (פוילישער רעקארד).

100 מעטער הערן: 1) קארליטשעק 1.17.4, 2) העלינג 1.18.4.

וואסער-שפרונג פון דער טראמפאלינע פאר פרויען: 1) קלויז, 2) קאצענאווא, 3) קאקאליקא-חאלעווסקא.

וואסער-שפרונג פון טורם פאר הערן: 1) לייקערט, 2) זיאיא, 3) נעסוואדסקא.

3×100 מעטער מיט סטיל-ענדערונג פאר פרויען: 1) טשעכען 4.36.4, 2) פוילען 4.40.4.

3×100 מעטער מיט סטיל-ענדערונג פאר הערן: 1) פוילען 3.45.5, 2) טשעכען אין דער זעלבער צייט.

עסטרייך — פוילען 1:4 (1:1)

מעטש וועגן ארבייטער-מייסטערשאפט אין איראפא

שבת איז אויפ'ן ספארט-פלאץ פון „סקרא" פארגעקומען אנ'אינטערנאציאנאלער מעטש צווישן די ארבייטער-רעפרעזענטאנצן פון פוילען און עסטרייך. ווי עס איז געווען פארצוזעהן האט געזיגט עסטרייך, וועלכע איז געשטאנען אויף א בעסערן טעכנישן הויך.

די פוילישע רעפרעזענטאנץ האט געשפילט מיט א סך אמביציע, אבער איהרע פוטבאל-קענטעניסן זענען זעהר שוואכע. עס איז אמת, אז דער געגנער איז נישט געווען א סך בעסער, אבער מען האט געזעהן, אז די עסטרייכער האבן געוואלט גוט שפילן און טעאטעריש ווייזן זיי, ווי אזוי דאס צו מאכן. דאגעגן די פוילישע רעפרעזענטאנץ האט געשפילט אהן קאפ.

חוץ דער פערטיידיגער ליניע גאלדבערג—סלאווינסקי, וועלכע האט נאך געשפילט נישט שלעכט, האבן די רעשט שפילער זיך ארומגעדרעהט לעדיג אויפ'ן פלאץ. מיר האבן אויך דעם איינדרוק, אז עס איז נישט געוועהלט די בעסטע פוילישע ארבייטער-מאנשאפט.

דאס רוב שפילער זענען געווען פון ווארשא און עס איז בעקאנט, אז די פראווינץ שפילט בעסער פוטבאל ווי די הויפט-שטאדט.

די פוילישע רעפרעזענטאנץ האט אין דער ערשטער טייל פון מעטש א בינוש אנ'איבערמאכט און שיסט א גאל דורך קובזחא. אבער די עסטרייכער גלייכען אויס און נאך דער פויזע האבן זיי א גרויסע איבערמאכט און שיסן 2 גאלען. פובליקום — 7000 מענשן.

אלס פארמעטש האט געשפילט די יודישע און פוילישע רעפרעזענטאנץ מיט'ן רעזולטאט 3:3. מיר האלטן, אז עס קומען שוין אביסעל צופיל מאל די מעטשעס פון די יודישע און פוילישע רעפרעזענטאנצן. אויב מען וויל אפילו מאכן „קאסע" מוז מען אויך זוכן נייע ארויסטרעטן און נישט כסדר מאכן די זעלבע אימפרעזעס. דער עולם וועט פון אזעלכע אונטערנעהמונגען שנעל מיד ווערן.

פון די יודישע קלובן

3-טער קורס פאר מאטאציקל-פיהרער

די מאטאציקליסטן-סעקציע ביים י.א.ס.פ. „הפועל" ערעפנט אין דעם 27-טען ד. ח. דעם 3-טען קורס פאר מאטאציקל-פיהרער. איינשרייבונגען יעדן טאג פון 8—10 אין סעקרעטאריאט פון „הפועל" גענשא 14.

פאר מיטגלידער פון דער ליגע — א הנחה.

נאטיצן

דער פ. ז. פ. נ. זוכט פאר אויף היי'אהר פאלגענדע אינטערנאציאנאלע מעטשעס: מיט טשעכיען (2 מאל), מיט שאטלאנד און מיט לעטלאנד.

די פינאלען וועגן אריינגעהן אין דער ליגע ווערן געענדערט אויף אזא אופן, אז די 4 מייסטער פון די גרופעס וועלן שפילן אין איין גרופע (גלייך ווי מען האט פארגעהן אין צוויי).

העליאש, דער בעקאנטער פוילישער רעקארדיסט אין קויל-ווארפן, זאל ווערן... אנ'אטלעט, וועלכע קאנען גיהען ארום אין דער ספארט-וועלט.

ה' רוסעצקי האט פראפאנירט דעם פוילישן פוטבאל-פערבאנד א טורנע איבער ארץ-ישראל, סיריען און עגיפטן. די מעטשעס וועלן פארקומען סוף היי'אהר.

דער פ. ז. פ. נ. איז ארויסגעטרעטן אין דעם אינטערנאציאנאלן פוטבאל-פערבאנד וועגן דעם שפילער אוהרבאן, וועלכער איז אנטלאפן קיין דייטשלאנד, אז מען זאל איהם נישט ערלויבן צו שפילן אין קיין שום דייטשן קלוב.

דער ווינער „הכח" וועט נישט קאנען מעהר קומען קיין פוילען צוליב די לעצטע געשעהענישן אין קראקא און אין לעמבערג.

דער בעקאנטער פיהרער פון ווארשאווער קרייז פאר פיזישער ענטוויקלונג, מאיאר לעווין, האט פערלאזט זיין אמט. זיין ארט וועט פערנעמען פולק. טשורילא.

אינטערנאציאנאלע מעטשען אין באקס וועלן פארקומען דעם 8-טען אקטאבער מיט טשעכיען אין ווארשא און דעם 8-טען דעצעמבער מיט אונגארן אין בודאפעשט.

אויסלענדישע ידיעות

ראן, דער פוילישער באקסער, האט אין אמעריקא פערשפילט אויף פונקטן מיט דעם אונבעקאנטן באקסער אל מאנפרעדא.

וויבער איז פארט געבליבן אין די רייהען פון די אמאטאר-ספארטלער. זעהט אויס, אז דאס איז א בעסער געשעפט, ווי צו ווערן א פראפעסיאנאליסט.

אין פראנקרייך האט דער פוילישער עמיגראנט, נאוואק, געוואונען דריי גייעגן אויף 3 קלמ. שלאגענדיג די בעסטע פראנצויזישע לויפער אויף לאנגע שטרעקעס.

אויף די אינטערנאציאנאלע טעניס-מייסטערשאפטן וועט פון פוילען שפילן העבדא, מאלעצקי און ביזום.

מענצעל, דער בעקאנטער טשעכישער טעניסיסט, איז א היטלעריסט. אויף די טעניס-מייסטערשאפטן האט ער נישט געוואלט שפילן מיט פרען'ען אין דאפעל-שפיל צוליב דעם, וואס פרען איז א יוד.

פרען וועט נישט שפילן אין פוילען

דער בעקאנטער יודישער טעניסיסט פרען, וועלכער איז געווען א דייטשער בירגער, האט געוואלט שפילן אין דער פוילישער טעניס-מאנשאפט.

דער פוילישער טעניס-פערבאנד האט אבער ערקלערט, אז צוליב דעם, וואס פרען, אנ'אמאליגער פוילישער בירגער, האט געשפילט אין די שווערע צייטען פאר'ן פוילישן טעניס אין דער דייטשער רעפרעזענטאנץ, קאן ער אויך היינט נישט רעפרעזענטירן פוילען אין טעניס.

צוליב דעם וועט פרען ארויסטרעטן אין ענגלאנד אלס ענגלישער טעניסיסט.

מיר מיינען, אז פרען דארף דאך נישט בעהאנדעלט ווערן ערגער, ווי פרל. וואלאשעוויטש, וועלכע האט א פאר יאהר רעפרעזענטירט אמעריקא אין דער לייכטאטלעטיק, טראץ דעם, וואס זי איז געווען א פוילישע בירגערין. מען האט אבער באלד פערגעסן איהרע עוולות קעגן פוילען און מען האט זי אויפגענומען מיט ביידע הענט.

אבער פרל. וואלאשעוויטש איז נישט קיין יודיש קינד און פרען איז דאך א יוד. וועגען די סימפאטיעס פון פוילישן טעניס-פערבאנד צום יודישן ספארט ווייסט מען שוין פון אלטע צייטען.

דער דריטער גייעג אין פוילען

דער גייעג ארום פוילען אויף ראדווערן הויבט זיך אן דעם 1-טען און וועט דויערן ביז דעם 10-טען סעפטעמבער. עס איז די גרעסטע ראדווערן-אימפרעזע אין פוילען. מיט 5 יאהר צוריק איז פארגעקומען דער ערשטער גייעג. אבער צוליב טעכנישע סיבות (נישט געווען קיין ארגאניזאטארען) האט מען די גייעגן איבערגעריסן אויף 3 יאהר. דאס יאהר הויבט ער זיך איבער אן.

דער גייעג פיהרט — דורך ווארשא — טהארן, אסטראלענקא, גראדנא, ווילנא, לידא, וואלקאוויסק, בריסק, לובלין, ווארשא. צום גייעג ווערן צוגעלאזט נאר די בעסטע ציקליסטן.

מיר דערמאהנען, אז אין ערשטן גייעג האט אנטיילגענומען א יודישער ציקליסט פון דער ווארשאווער „מכבי", ה' גאלדע, צוליב דעם אבער, וואס מען האט איהם געגעבן ווייניג הילף איז ער אין דעם שווערן גייעג אפגעפאלן.

יוגאסלאוויען — פוילען

דער העכסט-אינטערעסאנטער מעטש צווישן די פוטבאל-רעפרעזענטאנצן פון יוגאסלאוויען און פוילען וועט פארקומען אין ווארשא דעם 10 סעפטעמבער.

די יוגאסלאווען געהערן היינט צו די בעסטע פוטבאל-מאנשאפטן אין איראפא. זיי האבן מיט עטליכע וואכן צוריק בעזיגט אין פראג די שטארקסטע טשעכישע רעפרעזענטאנץ מיט 1:2. דער זיג איז נישט געווען קיין צופעליגער, ווייל די גאנצע טשעכישע פרעסע האט אונטערגעשטראכן, אז די יוגאסלאווען זענען א בעסערע מאנשאפט.

די פוילישע רעפרעזענטאנץ וועט זיך מוזן גוט אנשטרענגען, כדי ארויסצוגעהן מיט כבוד פון דעם שווערן קאמף. עס איז שווער פאראויסצוזעהן א פוילישן זיג. אבער אויב ער וועט געשעהן, וועט ער אבגעמעקט אלע לעצטע שלעכטע רעזולטאטן פון פוילישן פוטבאל.

היטלערלאנד מוז צעשטערט ווערען

זשאבאטינסקי פערוואנדעלט זיין ארגאניזאציע אין א קאמף-פאזיציע געגען היטלער'ן

פראג 25 (יט"א) פרייטאג צו נאכמיטאג איז דא פארגעקומען א פרעסע-קאנפערענץ גערופען דורך דער רעוויזיאניסטישער פראקציע אויפ'ן ציוניסטישן קאנגרעס מיט'ן אנטייל פון העכער 100 זשורנאליסטן, וול. זשאבאטינסקי איז אויף דער פרעסע-קאנפערענץ ארויסגעטרעטן מיט א רעדע וועגן דער יודישער לאגע אין דייטשלאנד, וועלכע ער האט נישט געהאלטן אויף דעם ציוניסטישן קאנגרעס.

די רעוויזיאניסטן — האט ערקלערט זשאבאטינסקי — האבן ערווארט, אז דער ציוניסטישער קאנגרעס וועט איבערנעמען די וועלט-אנפירונג פון דער אנטי-דייטשער באיקאט-באוועגונג. אזוי ווי דער ציוניסטישער קאנגרעס האט אויסגענומען דעם באיקאט-לאזונג, ערקלערט זיך דעריבער דער רעוויזיאניסטישער וועלט-פארבאנד פאר א צענטראלע-קערפערשאפט, אויף אנצופירן און סטימולירן דעם באיקאט און מאביליזירן פאר דער דאזיגער אקציע הונדערט טויזנטער זייערע אנהענגער.

די דייטשע דראהונגען, אז דער האלב מיליאן יודען אין דייטשלאנד וועלן בעהאנדעלט ווערן אלס ערוב'ניקעס, אויב דאס וועלט-יודנטום וועט נישט אבשטעלן זיין פראטעסט-אקציע, מוזן איגנארירט ווערן.

„מיר סימפאטיזירן מיט אונזערע ברידער אין דייטשלאנד — האט ערקלערט וול. זשאבאטינסקי — זאלען זיי בלייבן לאיאל לגבי דייטשלאנד. דער היטלעריזם שטעלט אבער מיט זיך פאר א נעפאהר פאר 16 מיליאן יודען און דער גורל פון די דייטשע יודען קען דעריבער אונז נישט בעאיינפלוסן אין אונזער קאמף. דאס היטלעריסטישע דייטשלאנד — אונזער פיינד — מוז צעשטערט ווערן.

וול. זשאבאטינסקי איראניזירט שארף צוליב דעם 3-מיליאן-אבמאך מיט דייטשלאנד און בעצייכנט דעם דאזיגן אבמאך אלס אנווירדיגן, ערנידריגנדיגן קאמפראמיס, וואס וועט נישט אונטערשטיצט ווערן פון א"י-יודנטום: דער ישוב וועט באיקאטירן די דייטשע סחורות, וועלכע וועלן אימפארטירט ווערן אויפ'ן גרונד פון דעם אבמאך.

אין ווייטערן לויף פון זיין רעדע קריטיקירט זשאבאטינסקי זעהר שארף די ציוניסטישע עקזעקוטיווע, וועלכע אט פערוואנדעלט די פראגע פון דייטשען יודענטום אין א געגענשטאנד פון קליינעם טויש-האנדעל און רעדוצירט דאס פראבלעם צו דער פאדערונג פון א גרעסערע צאהל סערטיפיקאטן. מען האט געדארפט פאליטיש אויסנוצן דעם מאמענט, כדי צו שטעלן די יודן-פראגע אין איהר פולן פערנעם און אנצייכענען די ברייטסטע פערספעקטיוון אנפאדערענדיג די גאנצע ציוויליזירטע וועלט צו לעזען די פראגע דורך אנערקענען, אז די יודען מוזן בעזיצן אנ'איינגענעם פלאץ אין דער וועלט. די יודען וועלן נישט זיין דאס איינציגע פאלק, וואס וועט צעשטערט ווערן, אויב היטלער וועט בלייבן ביי דער מאכט, די יודען וועלן אבער די ערשטע פערניכטעט ווערן, דער קאמף מוז געפיהרט ווערן אין דער ריכטונג, אז דאס היטלעריסטישע דייטשלאנד זאל איזאלירט ווערן פון דער גאנצער ציוויליזירטער וועלט. א פאלק וואס צערייבט די יודען, גלייך ווי א קינד צערייבט א פליג, קען נישט ווייטער בעטראכט ווערן פאר א קולטור-פאלק.

CZEKOLADA MROŻONA PLUTOS

10 גראשען א קאסטקע

מלעטשנע | רעסטראווע | קאוואווע | שאמפאנסקע

טעלעגראפישע ווענדונג פון אנטי-היטלעריסטישן באי-קאט-קאמיטעט אין פוילען צום קאנגרעס-פרעז. לעא מאצקין

פראג 26 (יט"א). אויפ'ן אדרעס פון פרעזידענט פון ציוניסטישן קאנגרעס ה' לעא מאצקין איז אנגעקומען פאלגענדע דעפעשע פון צענטראל-קאמיטעט פאר דער ווירטשאפטליכער אנטי-היטלעריסטישער אקציע אין פוילען:

„די אונטערגעשריבענע ווירטשאפטליכע ארגאניזאציעס, וועלכע געהערן צום צענטראל-קאמיטעט פאר אנטי-היטלעריסטישער ווירטשאפטליכער אקציע, נאכ'ן בעקענען זיך מיט דער ענונציאציע פון הר. רופין, מכח דער כלומרשט-געשלאסענער פערשטענדיגונג מיט דער דייטשער רעגירונג בנוגע דער עמיגראציע פון דייטשע יודן, דערלאזן נישט אפילו אויף איין רגע דעם געדאנק וועגן דער מעגליכקייט פון וועלכע עס איז פערהאנדלונגען מיט דער היטלעריסטישער רעגירונג.

אין פאל אבער אויב די פערהאנדלונגען און דער אבמאך זענען יא צושטאנדעקומען, פראטעסטירן די אונטערגעשריבענע צענטראלע ארגאניזאציעס אין נאמען פון פיל מיליאנען פוילישע יודן געגען וועלכן עס איז אבמאך, וואס זאל האבן געשלאסן געווארן מיט דער היטלעריסטישער רעגירונג.

מיר דריקן אויס אונזער פראטעסט נאך ענערגישער צוליב דעם, וואס דער אבמאך איז געשלאסן געווארן ערב דער יודישער וועלט-קאנפערענץ אין זשענעווע. די אונטערגעשריבענע ארגאניזאציעס שטעלן פעסט, אז זיי וועלן פארזעצן דעם קאמף געגען היטלעריזם מיט דער פולער ענערגיע און מיט אלע צוטריטליכע מיטלען און פערשטענדיגונג מיט'ן אינטערנאציאנאלן יודנטום.

אונטערשריבען:

צענטראלער יודישער סוחרים-פעראיין, יודישער האנדווערקער-פערבאנד. אין פוילען צענטראלע פון יודישע קליינהענדלער אין פוילען.

דער שבת'דיגער טאג אויף דעם ציוניסטישן קאנגרעס

קלאנגען וועגן צוזאמענשטעל פון דער נייער ציוניסטישער עקזעקוטיווע

פראג 26 (יט"א) היינט, שבת, איז אין דער קאנגרעס-געביידע פולשטענדיג רוהיג. קיין שום קאנגרעס-זיצונגען זענען נישט אבגעהאלטן געווארן. עס שפראכט אויך נישט ווי געוועהנליך דער עולם אין די קולוארען, אלץ רוהט לכבוד שבת, אין דעם גרויסן קאנגרעס-בנין.

די דעלעגאטן נוצן אויס די פויזע אין די קאנגרעס-ארבייטן, כדי צו זאנדירן דעם באדען ביי די פיהרער פון פערשידענע פראקציעס און פערהאנדלען מכח דער פרעזידענט-פראגע און וועגן דעם צוזאמענשטעל פון דער נייער ציוניסטישער עקזעקוטיווע.

עס הערשט די איבערצייגונג, אז די עקזעקוטיווע וועט געשאפן ווערן אויף קאאליציאנס-יסודות און וועט בעשטעהן פון 7 מיטגלידער, אין דער נייער עקזעקוטיווע זאלען אריין — 3 פארטרעטער פון לינקען-בלאק, 3 אלגעמיינע ציוניסטן און 1 ראדיקאל א חוץ דעם פרעזידענט.

ווי מען גלייבט, וואלט אזא פאליטישע קאמבינאציע מעגליך געמאכט פאר דר. חיים ווייצמאן זיך צוריקצוקערן צו דער לייטונג. אלס די איינציגע 6 קאנדידאטן אויף עקזעקוטיוו-מיטגלידער ווערן אויסגערעכנט אלס וואהרשיינליכסטע די פאלגענדע פערזאנען: בערל לאקער, איצחק קאפלאנסקי, יוסף שפרינצאק, פראפ. ז. בראדעצקי, מארים ראטענבערג און דעפ. י. גרינבוים.

מזרחי איז נישט געניגט זיך צו בעטייליגן אין דער עקזעקוטיווע. עס איז אבער מעגליך, אז אין לעצטן מאמענט זאל דער מזרחי ענדערן זיין נעגאטיווע שטעלונג.

דער אנטייל פון די רעוויזיאניסטן אין דער עקזעקוטיווע קומט איצט נישט אין בעטראכט.

רעפעראט פון מ. מ. אוסישקין וועגן דער טעטיגקייט פון קרן-קימת-לישראל

פראג 26 (יט"א) אין זיין רעפעראט וועגן קרן-קימת לישראל אויפ'ן קאנגרעס-פלענום האט מ. מ. אוסישקין ערקלערט צווי. אנד.:

אין משך פון דער לעצטער צייט האבען זיך אין דער פרעסע בעוויזען צוויי ידיעות, וועלכע רופען ארויס אונזערע בעזונדערע בעזארגנישען. די ערשטע איז נוגע דער פערעפענטליכונג פון פינאנס-בעריכט, פון וועלכן ס'איז צו זעהן די פערהאלטונג פון דער רעגירונג אין דער באדען-פראגע. די צווייטע ידיעה איז אבער פיל שרעקליכער. זי שטעלט פעסט, אז אין משך פון די לעצטן 20 חדשים, אין משך פון וועלכע עס איז געלייטעט געווארן אזא גרויסע ארבייט און אין וועלכער מען האט פערבונדען אזוי פיל האפנונגען מיט א"י, זענען פון נישט-יודישע הענד אויסגעלעזט געווארן סך-הכל 44 טויזענד דונאם באדען, אריינגערעכנט די שטחים פון קרן-קימת, פון פערשידענע געזעלשאפטן און פערבאנדען ווי אויך יחידים. ווער עס קען די לאגע פון א"י, דער ווייס, ווי גרויס עס איז אונזער זארג צוליב דעם, עס וועט נישט זיין קיין גוזמא, אז אויב מיר זאלען אויך להבא געהן מיט דעם זעלבן טעמפא, וועלען אונז די קאנגרעסן נישט העלפן און דורות גאנצע וועלען אונזער פאלק נישט ברענגען קיין גאולה, סיידען עס וועט געשעהן עפעס א נס.

איך פרעג מיך אפט, צי מיר אלע גיבען זיך אב א חשבון וועגן דער לאגע? אין ליכט פון דער דאזיגער לאגע איז אפשר אלץ, וואס מיר טהוען איצט, קינדער-שפיל. אויב צווישען אייך איז דא עמיצער, וואס גלויבט, אז אהן דעם גאולת-הארץ וועט ווען עס איז קומען די גאולת-העם, זאל ער עס קומען און זאגען. אויב ווידער קיינער פון אייך האט נישט דעם מוט דאס צו זאגען, טא ווי שטעלט איהר זיך פאר די גאולה, אויב אין די בעסטע 20 חדשים — די חדשים פון דער אזוי-גערופענער פראספעריטי — זענען ערווארבען געווארן אלץ-מיטאנאנדער 44 טויזענד דונאם, וואס איגענטליך בעדייט עס דאך גארנישט, מאקע גארנישט.

אין משך פון די 13 נאך מלחמה-יאהרען האבען מיר פון דער רעגירונג נישט בעקומען קיין איין-איינציגען דונאם רעגירונגס-באדען, איבעריגענס האט די רעגירונג אונז כסדר געשטערט ביי אונזערע קניות. און אויב עס זענען נאך צווישען אונז געווען אפטימיסטען, איז געקומען דער פינאנץ-בעריכט און די רעגירונגס-ערקלערונג, אז א טייל פון די הלוואות-געלדער, וואס וועלען געגעבען ווערען דורך דער א"י-בעפעלקערונג און דאס רוב דורכ'ן יודישען ישוב, וועט פערוואנדעט ווערען אויף אראבישער קאלאניזאציע. עס הייסט נישט, אז מיר דארפען אויפגעבען אונזער קאמף פאר אונזערע רעכט. אבער אויב איהר וועט בלויז דיסקוטירען און גארנישט טהון איז וועה צו אונז!

די פרענטש-פארשלאגען וועלען ברענגען א טובה נישט בלויז די פעלאכען נאר אויך די עפענדים. וואס פאר א פערספעקטיוון וועלען מיר דאן האבען אויף ערווערבען באדען?

עס איז אויך פאלש צו גלויבען, אז די פריוואט-איניציאטיוו וועט דא א כר העלפען. פון די 44 טויזענד דונאם פאר די לעצטע 20 חדשים האט דער פריוואט-בעזיץ ערווארבען בלויז איין דריטעל און צוויי דריטעל אונזער ארימער פאנד. דער קרן-קימת. יא, עס זענען דורכגעפיהרט געווארען פיל באדען-טראנזאקציעס, אבער דאס זענען געווען שטחים, וואס זענען 10 מאל דורכגעגאנגען דורך יודישע הענד, און אונז האנדעלט זיך וועגען איינלעזען באדען פון נישט-יודישע הענד. די טראנזאקציעס האבען דער גאולת-הארץ נישט געבראכט קיין נוצען, נאר מורא'דיגע באדען-ספעקולאציעס און פרייזען-שטייגערונגען, אזוי אז איצט איז כמעט אוממעגליך צו קויפען באדען.

איך בין נישט געגען דער פריוואטער איניציאטיוו, אבער זי בעשעפטיגט זיך נישט מיט זידלונג אין זין פון א גרויסער קאלאניזאציע. מען זאל נישט פערגעסען, אז ארץ-ישראל גרייכט נישט בלויז פון חדרה ביז רחובות, עס איז פיל גרעסער און ווייטער. און ווען מיר דענקען וועגען דער מלוכה, וועלכע איהר האט אין מויל און פערווירקליכט נישט, דאן זאלט איהר זי דערמאנען, אז דאס איז מעגליך בלויז דורך גאולת-הארץ און די דאזיגע ארבייט קען טהון בלויז אונזער נאציאנאלע אינסטיטוציע — דער קרן-קימת.

דער דאזיגער פרינציפ האט געדארפט שטעהן מחוץ פון יעדען קאמף. ליידער איז עס נישט אזוי, מיר קענען זיך נישט בעקלאגען אויף אונזערע הכנסות, זיי זענען אין אבסאלוטע ציפערן געווארען גרעסער, אבער רעלאטיוו-קלענער, ווייל יעדער דונאם קאסט היינט דאפעלט אזוי טייער ווי פאראיאהרען. עס זענען דא לענדער, וואו די הכנסות זענען געשטיגען, אין אנדערע זענען זיי נישט בעדייטענד געפאלען, מיט'ן אויסנאהם פון אמעריקא, וואו אונזערע הכנסות זענען געזונקען מיט 40 פראצענט.

עס זענען דא פיל סיבות פאר דער פערנאכלעסיגונג פון קק"ל אין אונזערע קרייזען. די הויפט-סיבה איז אבער דאס, וואס 90 פראצענט ציוניסטען האבען נישט קיין פערשטענדניש פאר'ן אונגליק, וואס מיר האבען נישט קיין באדען. די צווייטע סיבה איז דער שלעכטער צושטאנד פון אונזער ארגאניזאציע, די פארטיי-צוריסענהייט. אויך די ארבייטערשאפט, וועלכע איז צום טרייסטען איבערגעגעבען אונזער פאנד איז נישט פריי פון דעם פעהלער. דער מזרחי ווידער האט טענות, וואס אויפ'ן קק"ל-באדען ווערט נישט אבגעהיט דער שבת. ליידער איז עס אזוי און מיר דארפען אונזער גאנצען איינפלוס אויסנוצען, אז עס זאל אבגעשטעלט ווערן. אבער וואס האט עס צו טהון מיט גאולת-הארץ? אנדערע פארטייען ווידער פיהלען זיך בעוועלה'ט ביי דער באדען-פערטיילונג און באיקאטירן דעם קק"ל און איין פארטיי וואס זיצט נאך מעהר אויף רעכטס האט צוריקגעשיקט די קק"ל-פושקעס. ווי זאל מען אין אזעלכע בעדינגונגען ארבייטען?

זיין רעדע פערענדיגט מ. מ. אוסישקין מיט פאלגענדע ווערטער:

אין א שפעטער שעה ווענד איך זיך צו יעדען איינעם פון אייך, אז דער קרן-קימת זאל געטהון ווערען זיין רעכט, דאס לאנד וועט אויפגעבויט ווערען, ווען מיר וועלען האבען דעם באדען. האבען מיר איהם נישט, אי וועה צו אונז! דאן וועלען אונז קיין שום פראגראמען אין רעזאלוציעס נישט ראטעווען. דאס לאנד וועט נישט זיין ארץ-ישראל נאר ארץ-ישמעאל, ווען איהר וועט דאס פערשטעהן, וועט טראס ליד פון לאנד אין צוויי יאהר ארום קלינגען פרעהליכער ווי היינט. (שטורמישע אפלאדיסמענטן).

אויפנאמע פון די טשעכאסלאוואקישע זשורנאליסטען פאר דער קאנגרעס-פרעסע

פראג 26 (יט"א) די גאנצע פראגער פרעסע ווידמעט פיל אויפמערקזאמקייט דעם יט"א-אינטערוויו מיט פרעזידענט מאסאריק. אין די ציוניסטישע קרייזן ווערט דעם אינטערוויו מיט'ן מלוכה-פרעזידענט פון טשעכאסלאוואקיי צוגעשריבען א גרויסע פאליטישע בעדייטונג.

פראג 26 (יט"א) דער טשעכאסלאוואקישער זשורנאליסטן-פערבאנד האט היינט איינגעארדענט אנ'אויפנאהמע פאר אלע פרעסע-פארשטעהער, וועלכע זענען געקומען צום ציוניסטישן קאנגרעס. דער זשורנאליסטן-סינדיקאט האט זיך גערעכענט דערמיט, וואס היינט שבת, זענען די קאנגרעס-זשורנאליסטן פריי פון זייער בעשעפטיגונג.

די אויפנאהמע איז אדורך זעהר איינדרוקספול.

דער 19-טער ציוניסטישער קאנגרעס ווערט איינגעלאדען קיין תל-אביב

פראג 26 (יט"א) דאס קאנגרעס-פרעזידיום האט היינט ערהאלטען א טעלעגראפישע בעגריסונג פון א"י, אין וועלכער עס ווערט צווי. אנד. געזאגט. דער גאנצער ישוב און די שטאדט-פערוואלטונג פון תל-אביב ערווארטען, אז דער קאנגרעס וועט בעשליסען, דאס דער נעכסטער 19-טער ציוניסטישער קאנגרעס אין יאהר 1935 זאל אבגעהאלטען ווערן אין תל-אביב.

בערלינער קארעספאנדענט פון „דבר" געצוואונגען צו פערלאזן דייטשלאנד אין משך פון 24 שעה

פראג 26 (יט"א) דא זענען ערהאלטען געווארן ידיעות, אז דער בערלינער קארעספאנדענט פון תל-אביב'ער „דבר" אליעזר לובראני האט בעקומען א בעפעהל צו פערלאזן דייטשלאנד אין משך פון 24 שעה. אין נעגענשאל האבען די דייטשע בעאמטע נעדראהט דעם „דבר"-קארעספאנדענט מיט רעפרעסיעס.

ה' לובראני האט שוין פערלאזען דייטשלאנד און איז אבגעפאהרען קיין א"י.

איז דאס ריכטיג?...

אזוי ווי אין גאנץ פוילען הערשט אויך אין ראדאם דער ווירטשאפט-קריזיס. צעהנדליגער פאבריקען, הונדערטער ווארשטאטען זענען אין די לעצטע יאהרען פערמאכט געווארען. און עס איז קיין וויגדער, וואס פון פיל מענשען הערט מען אפט, אז ראדאם איז א שטאדט פון טויטע מענשען. דאס מיינט מען דערמיט, אז עס איז נישט דא פיל אויפצוטוהן אין ראדאם. גאנצע יאהרען דרעהען זיך ארום הונדערטער יונגע מענשען, וועלכע האבען פול ענערגיע צו ארבייט, וועלכע ווילען אין שטרעבען צו ארבייט. אבער וואו זאלען זיי ארבייטען? צי קענען דען די עטליכע גארבארניעס אדער גיסערייען בעשעפטיגען אלע יודישע ארבייטסלאזע אין אונזער שטאדט? ביים היינטיגען מאג געפונען מיר אין אונזער שטאדט אפשר א גאנץ צעהנדליג יודישע אינזשינירען, וועלכע זענען פעהיג צו די גרעסטע אונטערנעהמונגען, אינזשינירען, וועלכע וואלטען זיך געקאנט אויסצייכנען אויף זייער ארבייטס-געביט און דאך זענען זיי געצווינגען ארומצודרעהען זיך שפאצירען. פארוואס? ווייל צו קענען עמיגרירען, האבען זיי נישט קיין מעגליכקייט און צו רעגירונג'ס-פאסטענס לאזט מען זיי נישט צו. וואס אלזא בלייבט אזא מענש צו טוהן? בלייבען לעהרער אין א יודישער שולע, וואו זיין מאנאטליכער געהאלט בעטרעפט אפשר 100 גילדען; זוכען קארעפעטיציעס אויף מאטעמאטיק אדער אננעמען פערטרעטונגען, וועלכע גיבען אזוי וועניג, אז עס איז גלייכער דערפון נישט צו רעדען.

הונדערטער אינטעליגענטע יונגעלייט, וועלכע האבען נאך גארנישט לאנג פערנומען גאנץ] גוטע פאסטענס, דרעהען זיך ארום פוסט-און-פאס, פערשעלטענדיג זיך דאס לעבען.

אבער שוין צום ערגסטען איז דעם יודישען האנדווערקער, וועלכער איז ארבייטסלאז, דעם יודישען ארבייטער, וועלכער געפונט זיך גאנץ אהן ארבייט. עס איז גענוג אריינצוקומען אין יודישען קווארטאל, כדי דארט צו בעמערקען, ווי גרויס עס איז די נויט, ווי גרויס עס איז דער דלות פון יודישען ארבייטער. אין איין שטיבעל ערגיץ-וואו אויף א בוידעם געפונען זיך 3 און אפטמאל מעהר משפחות. די ענגשאפט איז אזוי גרויס, אז עס איז שווער אפצועטמען. אין דעם שטיבעל דרעהען זיך ארום קליינע קינדערלעך בארוועס, אפגעריסען און בעטען א שטיקעל ברויט. און דער טאטע? דער טאטע פון דעם קינד געפונט זיך דערווייל אויף דער גאס, ער איז א גאסען-הענדלער, האנדעלט מיט שפיגעלעך, מיט זייף, שנוראוואדלעס, קראוואטען און נאך אזעלכע טייערע סחורות... וויפיל מען פערדינט טעגליך ביי אזא מסחר, איז לייכט צו פערשטעהען. און דעריבער איז דאך אזא יוד א גליקליכער, ווען ער קען וואו ארבייטען אין א פאבריק אדער ביי שטאדט-ארבייט, וואו ער קען דאך טעגליך עטליכע גילדען פערדינען. אלע געדענקען נאך די קאנאליזאציע-ארבייטען פון דער פירמע „אולען עט קאמפ“, וועלכע האבען געהערט צו דער שטאדט. הגם עס זענען דאמאלס נישט געווען בעשעפטיגט קיין הונדערטער יודען, האבען דאך געארבייט פיל יודישע ארבייטער, בעאמטע, צייכנער, אינזשינירען, פערדינענדיג זעהר שעהן. דער שרייבער פון די שורות, אלס איינער פון די בעאמטע, האט מיט צופרידענהייט געקענט פעסטשטעלען, אז פון די יודישע ארבייטער זענען די פערוואלטער געווען זעהר צופרידען און פיל מאל זיי אוואנסירט אויף א העכערען טאג-לוין און שטעלע. יאהרען-לאנג נאך די דאזיגע ארבייטען זענען א טייל פון די יודען געבליבען בעשעפטיגט אין מאגיסטראט, ארויסווייזענדיג אין זייער ארבייט פיל פעהיגקייטען, אבער דער רוב פון זיי איז דאך אהן ארבייט געבליבען.

ווען מען האט געהערט, אז אין ראדאם וועט מען בויען א נייע באהן-ליניע, האבען זיך הונדערטער יודען, הונדערטער יודישע ארימע ארבייטער דערפרעהט. איצט וועלען זיי געהאלפען ווערען, האבען זיי געמיינט. זיי וועלען בעקומען ארבייט און וועלען ארויס פון דער גרויסער נויט אין וועלכער זיי געפונען זיך יאהרען-לאנג. די מאכט אין וועמענס הענד עס ליגט די לייטונג פון דער ארבייט, וועט זיך רעכנען אויך מיט די יודען, וועלכע זענען אהן ארבייט, און וועט פון זיי א בעדייטענדען פראצענט בעשעפטיגען. יודען האבען זיך געפרעהט, יודען האבען געגלויבט, אז עס וועט זיין ארבייט. אבער ווי גרויס איז געוועזען זייער ענטטוישונג.

לאנגע חדשים דויערען שוין די ארבייטען ביים בויען די נייע באהן-ליניע, אבער פארוואס זעהט מען נישט קיין יודישע בעאמטע ביי דער ארבייט? פארוואס זעהט מען אויך נישט ביי דער ארבייט קיין געהעריגען פראצענט יודישע ארבייטער? א קליינע גרופע פון עטליכע יודישע ארבייטער און דאס איז אלץ. צי איז דאס ריכטיג? צי ברויך אזוי זיין? צי צאהלען מיר נישט קיין שטייערען, אזוי ווי די אנדערע בירגער? צי ברויך די לייטונג פון די ארבייטען נישט א קלער טוהן וועגען די פיעלע יודישע ארבייטסלאזע אין ראדאם? צי ווילען זיי פון אונז, אזוי ווי אין היטלער-לאנד מאכען בירגער פון דער צווייטער קאטעגאריע? צי פערגעסען זיי, אז מיר האבען רעכט צו פאדערען פון זיי ארבייט צוגלייך מיט אלע די, וואס ארבייטען שוין דארט? מיר זענען גלייכע בירגער מיט אלע און מיר מוזען טראקטירט ווערען אלס אזעלכע.

און איהר געוועזענע יודישע לאווניקעס, ראטמענער, וואו זענט איהר? וואו זענט איהר יודישע כלל-טהוער, וואס זארגען פאר דעם כלל אין אונזער שטאדט. שוין באלד וועט זיך אנהויבען דער וואהל-קאמפף, שוין באלד וועלען מיר הערען זייערע צוזאגען און זייערע צוזאגען און זייערע פערזיכערונגען אז זיי וועלען אלעס טהוען צו פערלייכטערען די נויט, וואס הערשט אויף דער יודישער גאס אין אונזער שטאדט. איהר האט נאך פאר די וואהלען פיל ארבייט, איהר קענט נאך פיל העלפען דעם יודישען ארבייטסלאזען. איהר קענט און ברויכט אלע וועגען אויסנוצען, אז ביי דער נייער באהן-ליניע זאל מען זעהן מעהר יודישע ארבייטער בעשעפטיגט, ווי אויך יודישע בעאמטע. אויב איהר וועט זארגען דערפאר, וועט מען דאס קאנען האבען!

אויב די לייטונג פון די אויבענדערמאנטע ארבייטען, ערלויבט זיך אהערצוברענגען בעאמטע פון אנדערע שטעדט: פון גאליציען, ווארשא, קעלץ, לאדז, וועלכע ערלויבען זיך נאך דאצו אויסצונוצען ארבייטער אין זייערע פריוואטע וואוינונגען און פאר דעם צאהלען טאג-לוין פון דער באהן-קאסע, דאן מוז זי זיך ערלויבען דערויף, אז עס זאלען צוגענומען ווערען מעהר יודען צו דער ארבייט!

יודישע כלל-טהוער! ווען עס טהוט וועה די נויט פון יודישען ארבייטער, איהר מוזט אייך מיט דעם ענין פעראינטערעסירען.

אר.

מיט א קיילער-מעסער אין דער האנד

אנפאל אויף צוויי מאגיסטראט-בעאמטע

פרייטאג 8 פריה איז דער אינהאבער פון וואורשטען-האנדעל וולאדיסלאוו שיטשעק איבערפאלען 2 מאגיסטראט-בעאמטע ה"ה מ. און ס., וועלכע האבען געאיילט צו דער ארבייט.

איינער פון די בעאמטע, וועלענדיג זיך בעשיצען, האט ארויסגעכאפט א רעוואלווער און אזוי ארום געצווינגען דעם איבערפאלער צום צוריקציהען זיך. שיטשעק האט דראהענדיג אפגעטרעטען פון וועג.

דער איבערפאל טראגט א פערזענליכע נקמה-כאראקטער.

די מאגיסטראט-בעאמטע האבען וועגע דעם פארפאל געמאלדען דער פאליציי.

געשטארבען דער מעכאניק פון „זניטש“

דער מעכאניק יוזעף וואיטאס, וועלכער איז בעת דער שריפה אין דער אפאראטור פון קינא „זניטש“ אפגעברענט געווארען, איז געשטארבען אין שפיטאל שוו. קאזשימיעזשא, שבת 11 ביינאכט.

מען האלט אין איין טרינקען

די פאליציי האט ווידער צונויפגעשטעלט פראטאקאלען געגען: מיזערסקי יאן, פאלנא 25, מאכעיקא בלאזשעי פון קאוועל, וואנסקא 10 און פראנקיעוויטש יאן פון בארקי (שטאדטישע הייזער) פאר צופיל טרינקען לחיים.

עס איז ווידער צוזאמענגעשטעלט געווארען א פראטאקאל דאס מאהל אויף האכנאווסקי סטאניסלאוו, פאר צופיל זופען פון גלעזעל.

אימפאזאנטער מיליטער-פאראד

היינט אין די מיטאג-שעה'ן וועט פארקומען אין ראדאם א גרויסע מיליטער-דעפילאדע פון דעם גאנצען מיליטער, וועלכעס האט אנטיילגענומען אין די גרויסע מאנעווערען אין ראדאמער אומגעגענד.

אין דער דעפילאדע וועט זיך בעטייליגען די אינפאנטעריע, ארטילעריע, קאוואלעריע און פליהער-אבטיילונג.

ראדאם וועט ביי דער געלעגענהייט האבען די מעגליכקייט צו בעוואונדערען דעם גראנדיעזען מיליטער-פאראד, וועלכער איז ניט געזעהן געווען זייט דער מלחמה-צייט.

קיה ווערען אויך שוין פערשווינדען

דעם 23 ה. ח. איז ארום 10 אזייגער אין דער פריה פון דעם געביט פון 72 פ. פ. פערלוירען געווארען א קוה, וועלכע געהערט צו שימאנסקא זאפיא פון דער ספארט-גאס.

מען האלט זי נאך אין איין זוכען.

גניבות

דעם 23 ד' מ. האט פרוי בזשעזשינסקא סטאניסלאווא (נייע וועלט 2) געמאלדען דער פאליציי, אז פון איהר נישט-פערמאכטען בוידעם האט חנה שיינמאן אראבגע'גנב'עט וועש אין דער ווערט פון 12 זל. 20 גר.

עס ווערט געפיהרט אנ'אויספארשונג אין דעם ענין.

ביי אבראמאוויטש חנה-רייזעל, פרץ-גאס 3, האבען אונבעקאנטע גנבים ארויסגע'גנב'עט פון איהר מאגאזין 2 מעטער ווייץ אין דער ווערט פון 56 גילדען.

די אויספארשונג האט פעסטגעשטעלט, דאס די גניבה האבען איסגעפיהרט וואשאן סטאניסלאוו פון נארוטאוויטשא 40 און לוטעק סטעפאן אהן א שטענדיגען וואוינארט.

מיט דעם בעשולדיגונג'ס-אקט וועלען זיי אפגעשיקט ווערען אין שטאדט-געריכט אין ראדאם.

דעם 24 ד. מ. האט אויף דעם יאגיעלאנסקי-פלאץ א אונבעקאנטער גנב ארויסגע'גנב'עט פון דער מארינארקע-קעשענע פון דאבראשעוויטש סטאניסלאוו (גאלענטשין ראד. פאוויאט) א בייטעל מיט 13 גילדען מזומנים און א גאלדען רינגעל אין דער ווערט פון 35 זל.

הייזער ברענען

דעם 26 ד. ח. ארום 9 אזייגער אין דער פריה, האט אין דארף מאלענטשין גמ. קוטשקי אנגעהויבען ברענען דאס הויז פון ווישניעווסקי סטאניסלאוו, פון וועלכען עס איז פערברענט געווארען דער גאנצער דאך.

דער שאדען בעטרעפט 400 זל.

דאס הויז איז געווען אסעקורירט אין אלגעמיינעם אסעקוראציע-געזעלשאפט אויף 1600 זל'

קיין מענשען-קרבנות זענען נישט געוועזען. עס איז פעסטגעשטעלט געווארען, אז די סיבה פון פייער איז געווען דער שלעכטער צושטאנד פון קוימען.

Pijcie śmietankę

„SYGALINA“

polecona przez największe sławy lekarskie.

אינטעליגענטע יונגעלייט

קענען גוט פערדינען ביי דער אקוויזיציע פון אנאנסען פאר דעם „ראדאמער עקספרעס“ אינפארמאציעס ערטיילט די אדמיניסטראציע פין „ראדאמער עקספרעס“.

קינא-רעפערטואר

APOLLO — מענש מיט 100 פנים'ער

CZARY — מאסקעס פון ד"ר פו-מאן-טשו

אפטייק-דיזשור

היינטיגע נאכט דיזשורירט די אפטייק ברושניצקי זשעראמסקי 5

אבאנירט

דעם „ראדאמער עקספרעס“

Druk N. H. Żabnera w Radomiu

Redaktor i wydawca: Jakób Chwat